belonged to a family; where she could find warmth. She again recalled the arguments she'd had with her father. In his sarcasm, Jean felt certain, there was no bitterness. She was even able to detect in him a grain of humour.

It was nearly a year ago that she had left home, but right now it seemed more like a century.

A quiet scratching at the door intruded on her revery. Was there a mouse somewhere? Then she heard two quick knocks, silence, and another knock. She leaped from her chair and rushed to open the door. She couldn't believe her eyes. She threw her arms around his neck to convince herself he was really there.

— Bobby darling . . .

# "I'm not needed anymore syndrome"

*(Not quite a film review)*

*by Mrs. MALVINA MALINEK*

"Have you seen the film?" I kept being asked this so often, that eventually I arranged to park the children at a nearby "James Bond" marathon, and with reluctant husband in tow (because I'd been assured it's good for him to see it, too), we went to a matinee of *The Memory of Us*.

The film is a very sympathetic portrayal of a classical 35 year-old woman and "suburban neurosis" sufferer. It is about a modern handsome "with-it" couple, fun loving, cheerful, eventually with the prerequisite average of 2 normal children (a boy and a girl, of course) climbing up the success ladder, lovely home with housekeeper, etc., etc. Could anything be more idyllic?

The trouble starts when he guiltily confesses to the first extra-marital straying. Her main problems, however, really manifest themselves the day her youngest starts school and in spite of tears and protestations, soon forgets momma, and is lost in her own new world. *The days suddenly stretch long and empty in front of her.*

Her friends invariably find solace in the usual fitness classes, and shopping expeditions, but actually get their main "kicks" out of extra-marital affairs! Since these activities are not to her liking, she is well and truy lost and miserable. She tries all forms of escape: her old boss, but he is not interested in giving her a job; a course of study, but what? She tries to immerse herself in reading, but the children, once home, don't give her a moment's peace and her patience is diminishing daily. Eventually she doesn't bother to get out of bed, because there seems no point to it!

The husband throughout is baffled — he simply doesn't understand what SHOULD bother her (he's too exhilarated with his success in the business world and his girlfriend). Yet she feels empty, and can't explain even to herself why!

When she eventually escapes for a couple of hours daily to a motel room alone, where she dreams, reads, experiments with photography — he starts imaginning an affair, follows her and creates a scene — more because his male ego is hurt, than anything else. To explain, she fabricates a boyfriend, only to have him admit to a girlfriend! When he suggests a "swinging" party, she "picks up" a bum on the street, pays him and invites him over. It is not for her, however, and that night she "opts out".

It is a sad, almost hopeless story, that affected even my husband profoundly — I wish it were fiction, but unfortunately is so common today, that it is by far not as unreal as we would like to think. Her trouble, of course, was that:

1. she had no inner resources to call on — home making, special interests, hobbies, profession, etc. — at the time of need; and
2. her peer groups all found their release in selfish pleasures and sex, which was also not of interest to her — and thus she had no one to influence her *towards a meaningful contribution to society.*

Therefore, she felt, in her words, a parasite! Many women would not be able to understand, or identify with this character.

At the age of 35, many of our older Jewish

European mothers here were busy trying to survive a war with their families, let aone be bored (but they are often bored and lonely now.) The mother coping with a neecssary job and family, would wish she had her problems! While the satisfied housewife and mother who needs little else, would soon say "she should have got rid of the housekeeper". None of these really help to solve the problem.

The real satisfaction in life for the type of woman portrayed, would come from an inner feeling of being needed herself, and herself only – not as wife, or mother, or housekeeper – but as SHE with a name, a personality and an identity of her own! Since she could not reenter the workforce because she was not particularly qualified to make it worth her while (either financially or as stimulation), she should have offered her services *voluntarily*. Herein, lies the answer for many of the "suburban neurotic housewives".

Voluntary service may be of a direct nature, i.e., as a Welfare or Community Service volunteer in any of the Institutions of a community; or an indirect one, such as joining an organization whose fund-raising activities help as much the volunteers to keep busy as it helps the various bodies (hospitals, Israel, Old Age Homes, Childen's Centres, etc.) it may support. Women (and men) who, because they have a conscience, contribute to society voluntarily (often in addition to careers and families), are the most respected (and least neurotic) members of society.

Therefore, if you are a woman, and ever feel "not needed" ring the *National Council of Jewish Women* immediately – WE NEED YOU and what is more – you will be placed according to *your* needs, and no matter what your interest, there is a programme to suit you in Council. Remember, "voluntary service is the rent we pay for 'our place on earth'." There is no reason today why any housewife should suffer from "suburban neurosis" because the whole world is wide open to her, and the character portrayed in the film chose the most negative, the most hurtful to her family who loved her, and the most unnecessary road in the end!

**With Compliments of . . .**

# Nagel Market Rentals Pty. Ltd.

*38 SHOPS UNDER ONE ROOF*

523 RIVERSDALE ROAD, CAMBERWELL – Tel. 82-4013

5 ENTRANCES TO MARKET

PROPRIETORS: MR. & MRS. A. NAGEL

**With Compliments of . . .**

# M. Recht Accessories

*TRIMMING FOR THE CLOTHING TRADE*

126-132 FLINDERS LANE, MELBOURNE, VIC. 3000

Telephones: 63-7457, 63-8583

דעם יונגן דור אין ישראל און אין די תפוצות. צו־זאַמען מיט העברעאיש דאַרף יידיש אויפגעהאַלטן ווערן אין מויל פון דעם יונגן דור.

5. די קאָנפערענץ שטעלט פעסט, אַז די שווערע לאַגע פון יידיש היינט צו טאָג איז אין דער ערשטער ריי אַ רעזולטאַט פון דעם גענאָסיד מצד נאַצי־דייטש־לאַנד און דעם פיזישן און גייסטיקן פאָגראָם אויף יידיש און דער יידישער קולטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

6. דער שווערער צושטאַנד פון יידיש איז אויך אַ רע־זולטאַט פון דעם אַסימילאַציע־שטראָם וואָס רייסט לעבעדיקע שטיקער פון אונדזער פאָלק. מען טאָר דערביי אויך נישט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן שאָדן כלפּי יידיש און דעם חינוך אין יידיש בכלל מצד די וואָס האָבן נישט געזען די סכנה פון אַסימילאַציע און אויסוואָרצלונג ביי יידן נאָך דעם חורבן. מיר דריקן אויס אונדזער פרייד, וואָס ביים יונגן דור אין צפון־אַמעריקע, מערב־אייראָפּע און אין ישראל האָט זיך דערוועקט דער אינטערעס פאַר דעם יידישן לשון און די קולטור־אוצרות אין יידיש.

7. די וועלט־קאָנפערענץ אַפּעלירט צו דער רעגירונג פון מדינת ישראל, צו דער סוכנות, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צום יידישן וועלט־קאָנגרעס, צו די יידישע סאָציאַלע פאָנדן אין פאַרשידענע לענדער און בכלל צו אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָרגן פאַר אַ ווייטערדיק נאַציאָנאַל יידיש לעבן, אַז זיי זאָלן העלפן שטאַרקן דאָס יידישע לשון ביים אויספירן די שעפערישע ראָל פאַרן יידישן פאָלק. כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף יידיש איינגעשלאָסן ווערן אין די פּראָגראַמען פון יידישער דערציאונג אין די תפו־צות און אין ישראל.

8. די קאָנפערענץ דאַרף ווערן אַ היסטאָרישער מייל־שטיין אויפן וועג צו פולער האַרמאָניע צווישן העב־רעאיש און יידיש. אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען אויפן יונגן דור לויערט די סכנה פון אַסימילאַציע, דערווייטערונג און אָפּגעפרעמדקייט, דאַרפן מיר שטרעבן צו שלום און צוזאַמענאַרבעט פאַר דעם קיום און המשך פונעם יידישן פאָלק און במילא מדינת ישראל.


# 1976 Royal Melbourne Show

פון 15־טן ביזן 26־טן סעפּטעמבער (איינשליסלעך)

**וויקטאָריעס גרעסטע און פּאָפּולערסטע אַטראַקציע**

- אָפן פון 9 פרי טעגלעך במשך 12 טעג און 10 נעכט.
- קיין שום נאַכט־אַטראַקציעס וועלן נישט פאָרקומען מיטוואָך דעם 15־טן און דאָנערשטיק דעם 16־טן סעפּטעמבער.
- די באַן, טראַמווייען און באַסעס פירן אייך גלייך צו צום פּלאַץ.
- אַ סך פּלאַץ פאַר אויטאָס צום פּאַרקן.
- פרייע אַטראַקציעס אויפן אָרט.
- כסדרדיקע אַרענע־אַטראַקציעס.
- אָרקעסטער — מאַריאָנעטן — אַלץ פריי פאַר קינדער.
- די מעלבורנער לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג איז אַ פאַמיליע אָנגעלעגנהייט — ברענגט פרייד פאַר יעדן איינעם.

אָפּצאָל: דערוואַקסענע $2.50; קינדער (14 יאָר) 60 סענט.
פּענסיאָנערן הנחות — 60 סענט פאַר אַ גאַנצן טאָג אויסער איןביידע שבתים, זונטיקן און „שאָו־דעי״.
ס'איז אייער אויסשטעלונג — ס'איז די גרעסטע אויסשטעלונג.

# Absol Textiles
# Spigler Pty. Ltd.
# Sabe Distributors

**ALL KINDS OF KNITTED FABRICS & CRIMPLENE**

25 ROSE STREET, FITZROY, 3065

Telephones: 41-2882, 41-1471
Private: 50-3585

25th ANNIVERSARY

# Gertner's Furniture

**QUALITY FURNITURE NEED NOT BE EXPENSIVE**

**WHERE QUALITY COSTS LESS**

175-177 BARKLY STREET, ST. KILDA
Telephone: 94-2814

*It's our 25th Birthday — You get the presents*

אויפגעקומען און מיט דעם העראָאישן קאַמף פונעם ישוב צו בויען מדינת ישראל אויף די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע, פרייער עליה, און בכלל מיט די וויכטיקע אויפטוען אויפן געביט פון קולטור, וויסנשאַפט און סאָציאַלן צוזאַמענלעבן צווישן די פאַרשידענע עדות יידן. פון דער אַנדערער זייט איז וויכטיק, אַז די יידישע קינדער אין ישראל זאָלן זיך באַקענען מיטן לעבן פון די יידן אין חוץ־לארץ, זייער קאַמף אויפצוהיטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט און צו פאַרזיכערן דעם קולטורעלן און רעליגיעזן המשך פון אונדזער פאָלק. ס'איז אויך וויכטיק צו באַקענען די יוגנט מיטן לעבנס־שטייגער פון אומגעקומענעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, מיט די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון ליטעראַטור און פונעם גייסטיקן שאַפן דורכגעדרונגען מיט די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען און באַוועגונגען פון יידישן פאָלק.

יא. די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט, אַז פון צייט צו צייט זאָלן צונויפגערופן ווערן קאָנפערענצן פון דערציער כדי אַרומצורעדן פאַרשידענע פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען, צווישן זיי די פראַגע ווי אַזוי אויסצונוצן די מאָדערנע פּעדאַגאָגישע טעכנאָלאָגיע און מעטאָדן לטובת יידישער דערציאונג.

יב. די קאָנפערענץ האַלט, אַז עס וואָלט נויטיק געווען אַן אינפאָרמאַטיווער ביולעטין וואָס זאָל פאַרשפּרייט ווערן צווישן די לערערס פון די העברעאישע און יידישע שולן.

# דעקלאַראַציע

## פון דער קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים

פון ירושלים, די אייביקע יידישע שטאָט, קומט דער רוף צו די יידן איבער גאָר דער וועלט וועגן שטאַרקן און קרעפטיקן די יידישע שפּראַך און קולטור. דאָס איז דער רוף פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, וואָס איז אין די טעג פון כ״ז־ל באב, תשל״ו (דעם 23־26 אויגוסט 1976), אין 31־טן יאָר פונעם חורבן פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די מויערן פון ירושלים מיטן אָנטייל פון ישראלדיקע מלוכה־פּערזענלעכקייטן, שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער אין דער יידישער מדינה און די תפוצות: אויסטראַליע, אַרגענטינע, בעלגיע, בראַזיל, דרום־אַפריקע, ווענעזועלאַ, מעקסיקע, פאַראייניקטע שטאַטן, פראַנקרייך, ענגלאַנד. רומעניע און שוועדן.

ביים אָפּשלוס פון די פאַרהאַנדלונגען איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע:

1. די וועלט־קאָנפערענץ האָט געבראַכט צום אויסדרוק די ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט פון יידן אין דער גאָרער וועלט צו דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור, וואָס זענען געווען און זענען ווייטער די דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און אָפּפרעמדונג, ווי אויך אַן אַקטיוו־שעפערישער כוח צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין און טרייִשאַפט צום פאָלק.

2. די וועלט־קאָנפערענץ דעקלאַרירט, אַז די קולטור־אוצרות, וואָס יידיש האָט אָנגעזאַמלט אין איר פילהונדערט־יעריקער געשיכטע, האָבן געקענט אויספירן זייער היסטאָרישע שליחות נאָר דערפאַר

### ווייל יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך

וואָס האָט אַרייַנגענומען און נעמט אַריין אין זיך אַלע זאַפטן פון דער יידישער קולטור בכלל. די קאָנפערענץ האַלט דעריבער, אַז עס דאַרפן געמאַכט ווערן אַלע אָנשטרענגונגען כדי דער יידישער שפּראַך און קולטור צו דערמעגלעכן אַ שעפערישן המשך.

3. מדינת ישראל, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרזיכערן נישט נאָר דעם המשך פון יידישן פאָלק, נאָר אויך אויפצוהיטן אַלע גייסטיקע ווערטן, וואָס יידן האָבן אָנגעזאַמלט במשך פון דורות אומעטום וואו זיי האָבן געלעבט, דאַרף העלפן דער שווער־געליטענער יידישער שפּראַך צו רעסטאַווּרירן אירע כוחות. עס ליגט דעריבער דער חוב אויף אַלע יידישע קהילות און קולטור־טוער אין דער וועלט צו ווידמען מי און געפינען מיטלען, אַז יידיש צוזאַמען מיט העברעאיש זאָל ווייטער זיין דער אויסדרוק פון אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

4. די קאָנפערענץ דעקלאַרירט, אַז יידיש איז נישט בלויז אַ רעזערוואַט פון גרויסע גייסטיקע אוצרות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר איז אַ שעפערישע שפּראַך, אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלע פּאָטענצן און פאַרמאָגט אַ ליטעראַטור מיט גרויסע קינסטלערישע און עטישע ווערטן, וואָס קענען שטאַרקן דעם יידישן באַוואוסטזיין פון

# פאַרשלאָגן און רעקאָמענדאַציעס

## פון דער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים

**וועגן שותפותדיקער צוזאַמענאַרבעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלט־קאָנגרעס, יידישער קולטור־קאָנגרעס און קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אויפן געביט פון יידישן חינוך אין די תפוצות**

א. אַנהייבן אַ געהעריקע אויפקלערונג אין די יידישע קהילות איבער דער וועלט און באַזונדערס צווישן די עלטערן, לערער און שול־עסקנים, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין די לערן־פּראָגראַמען פון די נאַציאָנאַלע חינוך־אַנשטאַלטן אין די תפוצות.

ב. באַגריסן דעם ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטעריום פאַר סטימולירן צו לערנען יידיש און יידישע ליטעראַטור ווי אַן אויסוואַל־שפּראַך אין די מיטל־שולן אין מדינת ישראל.

ג. פלעגן די פּאַראַנענע קאַטעדרעס פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור, און סטימולירן צו עפענען נייע אין די אוניווערסיטעטן אין ישראל און איבער דער וועלט.

ד. אויסבילדן לערערס פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור פאַר די ישובים אין די תפוצות. פאַר דעם צוועק דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער מדור ביי איינעם פון די אוניווערסיטעטן אין ישראל, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, יידישער קולטור־קאָנגרעס און יידישער וועלט־קאָנגרעס.

ה. די קאָנפערענץ באַגריסט דעם באַשלוס פון דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָס דערקלערט צו אָנערקענען די זעלבע זכויות און סטאַטוס פאַר לערער־שליחים פון ישראל וואָס זאָלן אונטערריכטן יידיש און יידישע ליטעראַטור אין די תפוצות, ווי פאַר לערער־שליחים וואָס אונטערריכטן די העברעאישע לימודים.

ו. די קאָנפערענץ ווענדעט זיך צום קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, צו דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, צום יידישן וועלט־קאָנגרעס און צום יידישן קולטור־קאָנגרעס צו שאַפן אַ פּעדאַגאָגישן צענטער, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט צוגרייטן לערן־פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער און דידאַקטישן מאַטעריאַל פאַר די אויבן דערמאָנטע לימודים.

ז. אונטערזוכן די מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ ספּעציעלן דעסק ביי דער מחלקה פאַר חינוך און תרבות פאַר די לימודים אין יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די יידישע שולן אין די תפוצות.

ח. די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס זוערן באַאויפטראַגט צו גרינדן אַ ספּעציעלן פאָנד (קרן) וואָס זאָל פינאַנסירן די טעטיקייטן וועלכע זענען דערמאָנט אין די פונקטן ג׳ ד׳ ו׳ און ז׳.

אַרויסלאָזן אַ רוף צו אַלע טעאָלאָגישע סעמינאַרן און אינסטיטוציעס פאַר העכערער בילדונג אַז זיי זאָלן איינשליסן אין זייער קוריקולום די געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, יידישע שפּראַך און ליטעראַטור.

אין יעדער געמיינדע קענען עקזיסטירן וועלטלעך־נאַציאָנאַלע שולן, אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און אַנדערע. יידישע געמיינדע פאָנדן טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אונטערצושטיצן די שולן אויפן זעלבן אופן ווי זיי שטיצן אונטער אַנשטאַלטן, טאָגשולן — שולן וויניקסטנס 5 טעג, יידישע צענטערס, שפּיטאָלן, זומער־קאָלאָניעס, הילף פאַר דעפעקטיווע קינדער אאַ״וו. די קאָנפערענץ שטרייכט אונטער, אַז יידישע שולן פון אַלע מינים קריגן נישט גענוג אונטערשטיצונג מצד די געמיינדע פאָנדן. עס דאַרף אונטערגענומען ווערן אַן אַקציע די דאָזיקע אומגערעכטיקייט צו באַזייטיקן.

ט. די קאָנפערענץ רופט אַלע קלענערע יידישע געמיינדעס וואו ס׳זענען נישטאָ קיין עטאַבלירטע אינסטיטוציעס פאַר יידישער דערציאונג, איינצואָרדענען שטודיר־קורסן אין פּריוואַטע היימען און אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאַראיינען.

י. די קאָנפערענץ האַלט אַז עס וויכטיק דאָס אין די יידישע שולן זאָל מען מיט די קינדער פּראַווען די נאַציאָנאַלע און די טראַדיציאָנעלע יום־טובים. צום וויניקסטן באַקענען די קינדער מיט דעם היסטאָרישן באַטייט פון די יום־טובים און דעם אָרט וואָס זיי פאַרנעמען אין יידישן לעבנס־שטייגער. ס׳איז אויך וויכטיק, אַז יידישע קינדער אין חוץ־לארץ זאָלן זיך באַקענען מיטן נייעם שטייגער לעבן וואָס אַנטוויקלט זיך אין מדינת ישראל, מיט די קיבוצים, מיט דער געשיכטע ווי אַזוי די מדינה איז

מעגלעך אָן עראָטיק) איז זייער אַ דינע און טייל מאָל אַ קוים באַמערקבאַרע. אפילו אַ געניטער קינסטלער קען זיך אַ מאָל אויסגליטשן ווען ער שרייבט מיט דער כוונה אָנצוגרייפן די עראָטישע סטימולירנדיקע נערוון, אַנשטאָט צו שילדערן עראָטיק ווי אַ רינג אין דער קייט פון מענטשלעכע טוּאונגען, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין זיין כאַראַקטער.

פון פוילן קומט ראַכמאַן אָן אין דער שווייץ זיך היילן. מען לייגט אים אַריין אין שפיטאָל, און אַ קראַנקן־שוועסטער וואַשט דעם אומבאַוועגלעכן קראַנקן, זי זייפט אים איין.

„ער האָט דערשפּירט עפּעס נעמט זיך וועקן אונטער איר האַנט. פילט זיך אָן מיט וואַרעמקייט. ער האָט דערשפּירט זיין אייגענעם אָטעם. ער איז געווען אָנמעכטיק. עס האָט ציטערנדיק זיך געהויבן אונטער אירע פינגער. זי האָט געריבן אין דער אָנגעדראָלנקייט. אַ רגע האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָפּהאַקן זיך דעם אָטעם. אים איינציען. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט".

און ווייטער: „ש. האָט געוואוסט. עס איז געשען מיט אים. ס'איז פון אים אַרויס מיט זיסן ווייטיק דער עיקר, ווי אַ קערן. עס איז ערגעץ נישט אָנגענומען געוואָרן. ער איז געבליבן מיט דער אויסגעליידיקטקייט פון זיין גוף. אַ בלאַסער, פאַרשעמט האָט ער פלוצלונג זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אייגנטלעך דאָס איינציקע וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט. מיטגענומען מיט זיך.

„באַלד האָט ער אויפגעשוידערט. איז ער אַ רוצח? דעם גרויסן מאָרד, האָט ער, דער קרבן, פאַרענדיקט מיט אַ קליין רציחהלע".

ליפּעס געדאַנק האָט זיך ווי אַ שטורעם געטראָגן איבער די זייטלעך מיט אותיות וועלכע האָבן זיך געיאָגט און איבערגעיאָגט, איינגעגלידערט מיטאיינאַנדער, און ער האָט די האַנט געמוזט אויפהאַלטן, כדי די ווערטער געבן כאָטש אַן אָנבליק פון אַ פאָרם מען זאָל זיי קאָנען איבערלייענען. אין אַ געוויסן מאָמענט פון שרייבן האָט ער געהאַט דאָס געפיל פון דעם אַלטן גריך אַרכימעדעס פון סיראַקאָס, וועלכער האָט באָדנדיק זיך אין דער וואַנע אַנטדעקט, אַז יעדער קערפּער האָט אַ שווערגעוויכט. פון גרויס התפעלות איז ער אַ נאַקעטער אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און געשריען צו די מענטשן: עורעקאַ! איך האָב געפונען!

אין ליפּען האָט דאָס בוך אָנגעצונדן אַ פלאַם וואָס האָט גענומען לייכטן, לייכטן וואָס אַ מאָל העלער און עס האָט זיך געדוכט אַז אָט וועט ער דערזען פאַר זיך אַ וועג, אַ וועג אין דעם לאַבירינט פון די געדאַנקען וועלכע האָבן געדאַרפט אָנצייכענען זיין וועג אין לעבן. דער פאַרדאַכט האָט זיך אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט גענומען שרייבן וועגן בוך. ער האָט געמיינט, ער וועט אויסשרייבן פון זיך די איבערלאָדונג און דאָס פאַרבליבענע וועט ווייטער קאָנען פליסן ווי אַ רואיקער טייך. ער איז שוין געווען גאָר נאָענט צו דעם אַרכימעדישן געפיל פון אַרויסלויפן אין דרויסן און אויסשרייען:

— איך האָב געפונען!

מיט אַ מאָל איז די פעדער געבליבן ליגן אויפן טיש. דער שטורעם האָט פון זיך אַליין זיך אויסגעבלאָזן. דער פלאַם האָט זיך אויסגעלאָשן. די אותיות וואָס האָבן זיך מיט אַ רגע פריער צאַפּלדיק געוואָרפן ווי לעבעדיקע, זענען געבליבן ליגן פאַרגליווערט אויפן פאַפיר.

פון געדאַנק האָבן זיך אויסגעשיילט עטלעכע בוכשטאַבן און פאַר זיינע אויגן זענען זיי געבליבן הענגען צונויפגעהאָפטן מיט אַ דינער שפינוועבס פון האָפענונג. ער האָט געוואוסט זייער באַדייט:

— פנינה...

ווען אַ מענטש קען פאַרגעסן, אויסמעקן פון זיין זכרון די פאַרגאַנגענהייט; זיך דערפילן ווי נעכטן געבוירן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — און אפשר וואָלט איך עס גאָר נישט געוואָלט? טיף אין אים האָט אַ געפיל גענורטעוועט ווי אַ וואָרצל וואָס לאָזט זיך אַריין אין באָדן זוכן וואַסער פאַר זיין עקזיסטענץ. וואָס פאַר אַ זין האָט דער מאָרגן אָן דעם נעכטן? בלויז צוליבן נעכטן מוז ער גיין צום מאָרגן און אים מיטטראָגן מיט זיך. דער נעכטן איז דער נר־תמיד וואָס באַלייכט דעם וועג צום מאָרגן און גיט אָט דעם וועג אַ זין.

זיין האָפענונג פאַרן מאָרגן איז געבליבן פאַרהעקלט אין די פאָר בוכשטאַבן:

— פנינה!

זי איז דאָרטן נישט געווען. דורך איר קאָן ער זיך דורכפילטרירן פאַרן מאָרגן מיט זכרונות, אָבער רואיקע, אָן פייניקונגען און אָן קאָשמאַרן.

— וועט זי עס פאַרשטיין? וועט זי אים פאַרשטיין?

און ליפּע האָט זייער געוואָלט זי זאָל אים פאַרשטיין, זיך דערנענטערן צו אים. פון דעם באַגריף וועלכן ער האָט איינגעפּרעסט אין אויסדרוק „עסקייפּיזם אין עראָטיק" האָט ער די עראָטיק דערזען אין אַן אַנדער דימענסיע, אַ דימענסיע פאַר וועלכער ער האָט נאָך דערווייל נישט געהאַט קיין נאָמען.

אָבער שרייבן ווייטער וועגן דעם בוך האָט ער נישט געקאָנט. עס האָט אים פאַרפעלט אימפּעט. דער שטורעם האָט זיך אויסגעבלאָזן פון זיך אַליין...

מיט טיפן צער זענען מיר מודיע וועגן דעם טויט פון מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט, פריינד

**מיכאל זאַבלוד ע"ה**

כבוד זיין אָנדענק!

דער קאָמיטעט פון „קדימה"

גען. עס איז דאָ ליבע און פאַרראַט, אָט איז זי לייצע, אַ העלדין פון אַ ראָמאַן אין שטעטל, וואָס האָט חתונה אָבער פאַרראַט שפּעטער דעם מאַן אין געטאָ. דאָס איז דער ליבע־דרייעק אין זיין מיליאָנסטער וואַריאַציע. אַלץ וואָס זי געדענקט פון אירע לעצטע מאָמענטן, ווען זי שטייט פאַרן משפּט איז — בענקשאַפט. לייצען באַשולדיקט קיינער נישט. און ראָכמאַן, דער שופט, האַלט זי איז קיינעם גאָר נישט חייב. און אָט איז דער גביר פון שטעטל, דער באַלעבאָס פון האָלץ־סקלאַד, וואָס האָט זיך גערעטעוועט קיין רוסלאַנד, און ביז וואָס, ווען, אויפגעשטעלט דאָרט אַ משפּחה, אַ פרוי מיט צוויי בלאָנדע טעכטער. זיין פרוי, וואָס איז געבליבן אין געטאָ, גיט זיך אָפּ מיטן משרת בענדעט, אַ קריסט, אפשר אויך די טעכטער, צוליב אַ ברעקל האָפענונג פון רעטונג. און דאָס געטאָ קוקט נאָך ווען ער קומט צו זיי, ווען ער גייט אַוועק פון דאָרט. דאָס געטאָ קאָמענטירט און לעבט מיט מיט דעם פּראָבלעם, ווי דאָס וואָלט געווען דער עיקר.

ווי אַ טייל פון זיין פאַרטיידיקונג ברענגט ראָכמאַן דעם בחור חיל פּאָביטניק. גאָר אַ מאָל האָט ער פאַרפירט אַ יידיש דינסט־מיידל ראַשל, און ווען זי האָט גענומען שוואַנגערן, האָט ער זי דערשטיקט. דער רב ר׳ יום־טובל לייגט אים אין חרם אַריין און פאַרטרייבט אים פון שטעטל. אָבער אַצינד איז ער געקומען צום משפּט. ער וויל זיין צווישן דער עדה. פּאָביטניק האַלט זיך פאַר אַ העלד. און ראָכמאַן זאָגט אים אונטער די טענות: ער האָט ראַשלען, און די דורות וואָס וואָלטן געקומען נאָך איר, ער חיל האָט זיי פאַרשפּאָרט בושות, מיט צרות, מיט טויטן. אפילו ראַשל אַליין שרייט איצט — ער איז געווען אַ צדיק, און דער רב וואָס האָט אים אין חרם געלייגט איז געווען בלינד דאָס גאַנצע לעבן.

נאָך אַ מאָל — פילאָזאָפישער הינטערבאַוואוסטזיין פון אַנטי־לאָגיק.

* * *

לעיזען איז אַ קוראָרט אין די אַלפּן פון דער פראַנצויזישער שווייץ. דאָ איז געווען — שרייבט ראָכמאַן — דער אויפצומאָרגנדיקער בית־עולם פון די נישט דערשטאָרבענע. מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער קומען אַהין היילן זייערע געליימטע אברים.

עס זענען דאָ די גערייאָגטע און די יעגער. צווישן זיי זענען דאָ פיל מיידלעך. דורך די קראַנקע גופים ציט זיך אַ ווילן צום לעבן; און דער פּרוביר־שטיין פון לעבן דאָס איז דער מאַן. דורך קומען אין קאָנטאַקט מיט זיין מענערישקייט דערפילן זיי אויך דעם קאָנטאַקט מיטן לעבן. צווישן די קראַנקע איז דאָ אַ יאַפּאַנער. ציט עס די מיידלעך צום דאָזיקן יאַפּאַנער. דערויף באַמערקט אַ פראַנצויזישער סטודענט, וועלכער ליבט זיך אין אַ רבנישער טאָכטער און ווייזט אַרויס אַן אינטערעס צו דורותדיקע יידישע פּראָבלעמען:

„די יאַפּאַנער זענען די דייטשן פון אַזיע. דאָס ציט אַזוי די מיידלעך אויסצופּרוּוון אויף זיך זיין אכזריות.״

אַלע ליגן אויף די טעראַסן און וואַרעמען זיך אויף דער זון. זיי באַוועגן זיך אויך צווישן די צימערן. זיי קומען אַהער היילן די קראַנקע גלידער מיט זון און די נשמות מיט שטילקייט. דאָ טרעפט זיך דער גערייאָגטער און דער יעגער. דער בלינדער פּראָפעסאָר פון ווין, וועמענס ביכער מען האָט פאַרברענט, אָבער ביי אים אין קאָפּ זענען זיי נאָך אַלץ דאָ און דער שפּילצייג־סוחר פון ווין. אויך דער אָפיציר פון דער שווייצאַרישער גרענעץ־וואַך. אים פאַרפאָלגט דאָס געוויסן, ווייל ער האָט נישט דורכגעלאָזט די גרענעץ אַ פרוי מיט קליינע קינדער און זיי זענען אומגעקומען. דאָ אין לעיזען פּרובירט לייבל אויפוועקן אין די קראַנקע דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, כדי זיי זאָלן זיין גרייט אויפן וועג צו דער רעפּובליק, און אויך כדי זיי זאָלן האָבן אַ פאַרלאַנג ווידער אַריין אין לעבן.

אומעטום האָט ער געזען טראַגעדיעס. דאָס נישט קאָנען זיך צונויפקומען פון אַ מאַן מיט זיין פרוי און אָנהויבן אויפסניי. אויפסניי — דאָס איז געווען איין גרויס געשריי פון ווידערגעבורט. אָנהויבן אויפסניי קען מען נאָר פון דעם אָרט וואו דער זוימען ווערט פאַרפלאַנצט. דורך דער פאַרפלאַנצונג ווערט באַשאַפן נישט נאָר אַ ניי לעבן, נאָר אויך דאָס אַלטע באַקומט אַ זין, אַ ציל, אַ באַרעכטיקונג. דאָס איז דער וועג אַרויס פון די טאָלן — דער סימבאָל פון טויט. דאָס זענען די צוויי פּאָליוסן צווישן וועלכע עס ראַנגלט זיך די נשמה פון לעבן געבליבענעם — פאַרגאַנצקייט. אָבער ראָכמאַן איז נישט נאָר אַ פילאָזאָף פון אַנטי־לאָגיק, ער איז אויך אַ מענטש פון טאָג־טעגלעכן. דעריבער טוט ער אין אַ געוויסן מאָמענט פון זיין אַריינטראַכטן זיך אַ שטעל אַוועק אַ מין פּשוטע פראַגע:

„צו וואָס טויג זיי די פרויען זייער שיינקייט, ווען אויך דאָס לאָזט זיי טרויעריק?״

אין לעיזען געפינט שין אַ זין און אַ שליחות אין לעבן. ער וועט פאַרשרייבן. ער קען נישט ראַטעווען די מענטשן, אָבער זייער לשון קען ער ראַטעווען דורך פאַרשרייבן אים. שרייבן, זאָגט שין, הייסט פאַרשטיין. און פאַרשטיין — הייסט מוחל זיין. אָבער דאָס איז שוין אַ צו פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע און דעריבער ווערט זי טאַקע ערגעץ וואו פאַרלוירן. וואָרום שין טוט דאָך בלויז איינס — ער שילדערט.

עראָטיק איז ביי ראָכמאַנען דער עלעקסיר וואָס העלפט די קראַנקע באַזיגן, געזונט מאַכן די נשמה. ווייל די נשמה איז נאָך אַלץ אָנגעפילט מיט די רויכן, אָבער דער גוף — דורך רואיקייט, גוטע שפּייז און היילנדיקער זון — צעבליט זיך. די פאַרטיזאַנקע דאַניע, ווי דאָס מיידל פון די קאַרפּאַטן, ווי דער געליימטער צווילינג, אַלץ צעשפּראָצט זיך מיט אַ מאָל; אַלץ רייסט זיך צו פּאָרונג, טראָץ דער וואָרענונג פון ד״ר זשאַק, אַז פון אָט דער פריילינגדיקער פּאָרעניש וועלן געבוירן ווערן נאַכט־וואַנדלער.

די גרענעץ צווישן קונסט און שונד, אין דעם פאַל פּאָרנאָגראַפיע (וואָרום ליטעראַרישער שונד איז אויך

איר פּנים איז געווען מאַט, ווי אונטער גרוי ליכט; די בלאָנדע האָר — מיט אַ זילבער־בלוילעכן שימער. אונטער דעם גלאַטן וואָל־קלייד האָבן אירע בריסטן מילד געאָטעמט. איך האָב געפילט זייער ווייסן, וואַרעמען ריח. זי האָט זיך געזעצט. זי האָט פאַר מיר געהאַט אי פולע אויסגעפּיעשטשעטע צייטיקייט, אי מאַמישע צערטלעכקייט, אַריינצוטאָן אין איר דעם קאָפּ. איר קערפּער האָט הויך געאָטעמט. איך האָב אין מיר דערפילט דעם עכאָ פון יעדן איר אויפאָטעם און אָפּאָטעם. אַ רגע איז מיר אַדורך אַ געדאַנק: זי שוואַנגערט! איר מאַן האָט אין איר פאַרוואָרפן וואָרצלען. עס האָט מיר באַנק געטאָן פאַרן טעות וואָס איז דאָ אין איר”.

אויבנאויפיק איז דאָס עראָטיק וועלכע גרענעצט זיך מיט תאווה, — ווען דאָס וואָלט געווען דער הויפּט־געדאַנק. בלויז אַ רגע געדויערט אָט די פאַרטראַכטונג, וואָרום אין זיין הינטער־באַוואוסטזיין איז דאָ די לאָגיק, די ווירקלעכקייט: באַלד וועט מען ביי דער טיר אַ קלונג טאָן, מען וועט זי קומען נעמען — וואו וועט זי זיך באַהאַלטן? ער זעט שוין ווי דאָס נישט געבוירענע לעבן פאַרגייט. דאָס פאַרגאַנגענע איז פאַר אים נאָך אַלץ אַ ווירקלעכקייט, פון וועלכער ער קאָן זיך נישט באַפרייען.

„אַמסטערדאַם”, אַזוי הייסט אַ וויטערדיק קאַפּיטל אין בוך. די אַלטע פּאָרטוגעזישע שול, וואו מען האָט שפּינאָזען אַריינגעלייגט אין חרם. די שול האָבן די טויטע זיידעס און באָבעס, די טויטע דורות, אויסגעקליבן כדי צו רופן דעם שרייבער צום משפּט, ווייל ער האָט באַשלאָסן איבערצוהאַקן די דורותדיקע קייט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ברענגען נייע דורות אויף דער וועלט. צו טיף זיצט אין אים דער חורבן. ער, וואָס האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין טאָל, מיטן טויט אויף איין נאַרע, וויל מער נישט אָנגרייטן קיין קרבנות. פאַר אים האָט עס זיך נאָך נישט געענדיקט. ס'איז בלויז אַ חיי־שעה, שפּעטער וועלן זיי אים ווידער קומען נעמען.

און נישט בלויז דער קרבן פילט אַזוי. אויך דער ווינער שפּילצייג־סוחר, דער דייטש, וואָס האָט יאָרן פאַרבראַכט אין טאָל, ווי אַ וועכטער, ווי איינער וואָס האָט מיטגעהאָלפן דעם טויט אין זיין פאַרטיליקונג און געפינט זיך אין שפּיטאָל פון לעיזען, אויך ער האַלט אַז עס מוז ווידער קומען, דאָס איצטיקע איז בלויז אַ צייטווייליקער איבעררייס. אַלזאָ, ביידע וואָס זענען געווען אין די טאָלן, סיי דער קרבן און סיי דער אומברענגער ביידע האָבן זיי געזען דעם טויט און קענען מער דעם לעבן אין פּנים נישט קוקן. ראָכמאַן ראַנגלט זיך. אויף צענדליקער זייטן טויכן אויף די אַרגומענטן פאַר און די אַרגומענטן קעגן.

עס איז אַ משפּט אין דער פּאָרטוגעזישער שול אין אַמסטערדאַם.

לויטן שכל הישר וואָלט עס באַדאַרפט זיין אַ משפּט פון אַ קרבן מיט זיינע אומברענגער; פון קרבן — מיט דער גלייכגילטיקייט פון וועלט־געוויסן. אפילו פון קרבן מיט זיין גאָט איז אַ משפּט באַרעכטיקט. ס'איז אָבער אַנטי־לאָגיק. ווייס מען נישט וועמען מען משפּט. ציען אַלע טויטע צום משפּט ווי אָנקלאָגער, ווי עדות. אפילו ווי באַשולדיקטע. דער משפּט וויל געפינען אַ זין פאַר דעם געשענעם, און ראָכמאַן באַצייכנט דעם משפּט:

„קיינער האָט נישט געוואוסט וועמענס ער וועט זיין. אפשר אויך זיינער. דאָ וועט ער גערופן ווערן. ער וועט מוזן אויסלייגן זיינע טענות. מען ווייס נישט קעגן וועמען. קיין שולדיקע זענען נישטאָ. סיידן אַלע וועלן אַרויס זכאי”.

אין קאַפּיטל „אַמסטערדאַם” קערט זיך ראָכמאַן אום צום אָנהויב. אַלץ ווערט אָנגערעגט פון פילאָזאָפישן הינטערבאַוואוסטזיין — דערווייל איז נאָך אַלץ אין נעפּל, אומקלאָר — אפשר וועט דער משפּט אַריינברענגען ליכט. אפשר וועט אין דער פּאָרטוגעזער שול ענדלעך אויפגעשטעלט ווערן אַ מחיצה צווישן לעבן און טויט, כדי די לעבעדיקע זאָלן ווידער קאָנען אויפשטעלן דאָס יידישע פאָלק. עס זאָל קאָנען אויפבויען די רעפּובליק (ראָכמאַנס אויסדרוק פאַר מדינת ישראל ערב איר אַנטשטייאונג).

כדי זיי זאָלן קענען געבערן לעבן מוזן זיי אויפהערן צו טראָגן דעם טויט אין זיך. דער אָנקלאָגער לייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן שינען.

„ער דרייט זיך אַרום איבער דער וועלט אַ שווייגנדיקער. עס דאַכט זיך, ער טרויערט. אָבער אַז ער טרעפט אָן אויפן וועג פרייד, מיידט ער זי נישט אויס. עס זעט אויס עלנד זוכט ער צו זיין. אָבער ווען ער קאָן זיך צוזאַמענפּאָרן מיטן צווייטן טייל תכלית פון באַשאַף, צו איינס, האַלט אים גאָר נישט דערפון אָפּ. אין די טעג פון נסיון האָט ער דעמאָלט צוגעשוואוירן זיינע נאָענטסטע, וואָס האָבן פון אים זיך אָפּגעטיילט, אַז אויב בלייבן — וועט ער יעדע רגע היטן זייער זכר, זיי געדענקען. ער וועט פירן אַ ריין לעבן. איצט פאַרראַט ער זיי, זיין פאַרגאַנגענהייט ווי חלילה לית דין ולית דיין”.

דער משפּט קומט פאַר טאָג נאָך טאָג. איבער אַלע וועגן פון אייראָפּע ציען די טויטע אַהער, כדי צו געפינען אַ תיקון... אָבער ראָכמאַן זעט אויך וואָס עס קומט פאַר אויסער דער פּאָרטוגעזער שול: זיי האָבן זיך געטראָגן — די יונגע זיס און ערס — זייערע אויפגעגאַנגענע אברים פאַראויס, פאַר זיך, גרייט צו גיין מיט זיי ווייטער אין די דורות אַריין. פון זיי וועט זיך עס אָנהויבן.

דער משפּט איז אויך די סצענע וואו ראָכמאַן רעקאָנסטרואירט דאָס געטאָ פון נאָוואָמינסק. מיט געשיכטעס פון געטאָ־לעבן איז פול אונדזער חורבן־ליטעראַטור. אָבער ראָכמאַן זעט עפּעס אַנדערש. אפשר דאָס עיקרדיקע אין מענטשן בכלל, וואָס נישט געקוקט אויף די געענדערטע באַדינגונגען האָט זיך זיין עצם נאַטור נישט געענדערט. ער זעט נישט קיין געראַנגל, קיין ווידערשטאַנד — פּאַסיווער אָדער אַקטיווער — קיין פּרוּוו אפילו נישט פון ווידערשטאַנד. ער זעט די לעצטע חתונה. עס איז דאָ עראָטיק אין אַלע אירע פאָרמען און אויסווירקונ־

זיין רעאַלע וועלט. אין דער וועלט איז ע ר דאָ. דאָ קאָן ער פירן דיסקוסיעס. צווישן די טויטע לעבט ער. דאָס איז די וועלט פון זיין רעאַליטעט. די לעבעדיקע וועלט וועלכע איז אַ ממשותדיקע זאַך פאַרן אַרום, איז פאַר אים בלויז אַ מיראַזש, אַן אויסדזוכטעניש. אין איר איז ער דאָ — און נישטאָ

אין ערשטן קאַפּיטאַל, „די שטאָט", קערט זיך שין אום אין זיין געבוירן־שטאָט נאָך דעם ווי עס ענדיקט זיך די מלחמה און שין ווערט באַפרייט. שין קומט צוריק פון די טאָלן, ווי ראָכמאַן באַצייכנט די טויטן־לאַגערן. צוליב וואָס קומט ער אַהין? יעדן ציט צום אָרט פון זיין געבוירן. די ערשטע באַגעגעניש —אַ טויטע שטאָט, אָן יידן, און אַ פול־געוויקלטער פרויען־בויך — דער סימבאָל פון אַ לעבן. דאָ האָבן מיר ביידע פּאָליוסן צווישן וועלכע עס באַוועגט זיך דאָס בוך — טויט און לעבן. מיט די אויגן פון אַ דערוואַקסענעם קוקט שין אויף זיין קינדהייט, ווייל קיין צוקונפט איז נישטאָ. גייט שין אין זיין רעאַלער וועלט — אויף דעם בית־עולם. דאָרט שמועסט ער זיך אויס מיט די דורות פאַר אים. זיי טראָגן אים אַנטקעגן זייערע טענות. פאַרנאַכט באַזוכט ער דאָס הויז פון זיין געבוירן. דאָרט וואוינט אַצינד אַ פוילישע פרוי און איר טאָכטער. שינס טרוים איז נאָך אַ מאָל צו שלאָפן אין זיין אייגן בעט. אָבער שלאָפן קאָן ער נישט. אַלע טויטע פון זיין שטאָט גייען אויף אים. עס ווערט אים ענג און ער אַנטלויפט פון זיין בעט אין דעם בעט פון דער פרוי נאָוואַק. דאָרט ווערט באַשאַפן לעבן, און דאָרטן האָבן שוין די טויטע קיין שליטה נישט. שין אַנטלויפט פון טויט צוריק אין לעבן דורך עראָטיק. יאָרן שפּעטער שפּאַצירט שין מיט רייזעלען אין די קאַטאַקאָמבן פון רוים, וואו עס רוען די ביינער פון די ערשטע קריסטן. אין אָנבליק פון טויט באַגעגנט ער די בליקן פון רייזעלען. זי זאָגט צו אים: אויב ער קאָן זי נישט ליב האָבן, דאַרף ער זי נישט קושן. און שין באַמערקט דאַן לאַקאָניש: זי איז געווען דער לעצטער וואַרעמער מענטשן־גוף אין באַשאַף.

אין אָנבליק פון טויט זוכט דער מענטש זיך צוריק צו פאַרקלייבן אין זיין עמבריאָן. אָנהויבן פון אָנהויב. נאָר ביי די קוואַלן פון באַשאַף — האַלט ראָכמאַן — קען מען פאַרגעסן אין טויט.

„ווי אין יעדער שטאָט, האָט מען אָפּגעקליבן אַ צאָל מענטשן אויף שפּעטער. עס איז דער קאָפּערניק־לאַגער אין מינסק־מאַזאָוויעצקי, אַ ציגל־געביידע וואו מען האַלט דערוויל די אָפּגעקליבענע יידן. מיר ליגן — שרייבט ראָכמאַן — אין קאָפּערניק־לאַגער גרייט, אויף מאָרגן, ווי ווייסע עופות אין אַ שטייג. און אין איינער אַ נאַכט האָבן די געלעגערס זיך געבראָכן אונטער זיך. מען האָט מער נישט געקאָנט וואַרטן. אַ פרעמדע וואַרעמקייט ווי קאַלטער פייער האָט אויפגערודערט די גופים. נישט פרעמדע זענען אויף זיי געקומען, נאָר היימישע. זיי האָבן פלוצלונג דערפילט אויף זיך לייב, אָפּגעהאַקטע אָטעמס. זיי האָבן מיט געשלאָסענע אויגן זיך אַנטקעגנגעטראָגן, געלאָזט זיך אויפבינדן אין דער אייגענער תהומיקייט. זיי זענען געוואָרן פאַרבליפט פון אייגענעם אויפשפּראָץ וואָס האָט אין זיי ערשטמאָליק אויפגעקוועלט. פון דער קנאָספּישער צעעפנטקייט פון זייערע יונגע בריסטלעך. יינגלעך האָבן געוואָלט אַנטלויפן צוריק אין זייערע מאַמעס. זיך באַהאַלטן אין ליידיקע, אָפענע שויסן. צוריקקערן צום פאַר אַלעמען. אויך אהרן האָט אין סימען איצט דערגרייכט זיין סטעלאַס שורש. צום ערשטן מאָל איז זי איצט געלעגן פאַר אים אַן אַנטפּלעקטע, ווייך, בלאָנד, טיף און פול".

אין אָנבליק פון טויט האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין לעבן, זיך געריסן צו זייער שורש. זיי האָבן געוואָלט זיך ווידער פאַרקניפּן מיטן אָנהויב. עס איז געווען די בענקשאַפט צום אורשטאַם, צו ערשט־מאָליקייט. האָבן מיר דאָ ווידער די טעזע פון עסקייפּיזם דורך עראָטיק. וואָרעם וואָס איז אייגנטלעך — עסקייפּיזם? אַ טענדענץ צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט אין טרוים, אין פאַנטאַזיע. די לעבנס־ווירקלעכקייט — דאָס איז דער טויט. עראָטיק — דאָס באַשאַפן לעבן, איז אין אָט דעם טראַגישן מאָמענט — פנים אל פנים מיטן טויט — נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, און אין דער פאַנטאַזיע באַהאַלטן זיך די מענטשן אויס פאַרן טויט — פאַר דער ווירקלעכקייט.

און איינער אַ רב, ר' יום־טובל, זאָגט אויפן משפּט אין אַמסטערדאַמער שול: „אויך אין לעצטן דור האָבן די בני־ישראל גאָר נישט פאַרגעסן: זיי האָבן זיך געמערט אין די געטאָס ווי אַ מאָל אין מצרים. זיי האָבן געמיינט, זיי וועלן פון זיי אַרויסגיין".

איז אין דעם דאָ אַ זין?—ווייל ליפּע פאַרשטיין.—די אַנטי־לאָגיק — לעבן — איז אין דעם פאַל שטאַרקער ווי די לאָגיק — דער טויט. און כאָטש דער טויט איז שטאַרקער פאַרן לעבן, ווייל ער איז אייביק, באַמיען זיך די מענטשן צו באַזיגן דעם טויט דורך באַשאַפן לעבן.

ראָכמאַן, וואָס דערציילט אין דער ערשטער פּערזאָן, איך, קומט אין דער פרייער וועלט, אין דער שווייץ, אין דער שטאָט לאָזאַן וואָס איז פון די פליגלען פון טויט נישט באַרירט געוואָרן, און ער אַליין, אויסגעוויקלט זיך פון טויט און פון חורבן, קומט אַריין אין אַ שטאָט וואו אַלץ גייט מיטן איינגעשטעלטן אַלטן סדר. אין אָנבליק פון איינגעשטעלטן סדר, דערשפּירט ערשט ראָכמאַן ווי קורץ דאָס מענטשלעכע לעבן איז געווען. דער עיקר פון יידישן מענטש אין דער וועלט פון וועלכער ער קומט. אין אים קלאָגט אַ געוויין פאַר די פרויען וועלכע זענען אַוועק פון דער וועלט אָן צו שפּירן אין זיך דעם באַשאַפער און די פרייד פון באַשאַף.

ער קען דעריבער נישט קוקן גלייכגילטיק אויף פרויען אָן צו מאַכן אַ פאַרגלייך מיט דאָרטן. און נישט בלויז דאָס, אין יעדער פרוי זעט ער דעם אָביעקט, דעם טיגעל, די פאָרעם אין וועלכן דאָס לעבן ווערט אויספאָרמירט און באַשאַפן. איז דעריבער, ווען ער זיצט אַ פרייטיק־צונאַכטס ביי זיין לאַנדסמאַן אין דער שווייץ, דערשפּירט ער מיט אַלע זיינע חושים די פרוי ביים טיש. די דאָזיקע שפּירונג גיט אונדז ראָכמאַן איבער דורך לאָזן אַריינבליקן אין זיין נשמה.

„איר גוף — שרייבט ער — האָט מיך אָנגערירט.

אַזוי איז אויך דער שרייבער. יעדער שרייבער, אויף זיין שטיינער, פּרובירט דערקלערן וואָס טיקט עס דאָרטן אין דער נשמה פון מענטש. וואָס מאַכט אים גוט אָדער שלעכט; איידל אָדער גראָב, ברוטאַל, אַראָגאַנט. ליב האָבן אָדער האַסן. און קודם — ליבע און עראָטיק, די פאַרבינדונג צווישן זיי און די אויסווירקונג אויפן מענטש. דער שרייבער פּרובירט אַנאַליזירן די געדאַנקען פון אַ מאַן ביים באַגעגענען אַ שיינע פרוי. באַוואונדערט ער דעם קונסט־באַשאַף פון דער נאַטור? די שיינקייט און האַרמאָניע צווישן פּראָפּאָרץ און סימעטריע, די פּערפעקטקייט פון אירע קערפּערלעכע פאָרמען? איז דער נשמה־ציטער וואָס אָט די באַגעגעניש האָט ביי איר אַרויסגערופן — ליבע, אָדער האָט די נאַטור מאָמענטאַל דערגרייכט איר ציל, דורך אָנרעגן זיינע עראָטישע געפילן?

אַ וויסנשאַפטלער דאַרף אַ לאַבאָראַטאָריע כדי צו עקספּערימענטירן, דורכפירן פאַרגלייכן, קאָנטראָלירן באַאָבאַכטונגען. דעם שרייבערס לאַבאָראַטאָריע איז דאָס לעבן גופא, און קודם טאַקע ער אַליין. אין יעדן ווערק פון אַ בעלעטריסט איז תמיד דאָ עפּעס פון אים אַליין. זיינע ווערק זענען אויטאָביאָגראַפיש אָדער אויטאָסוגעסטיוו. טייל מאָל, הייסט עס, שאַפט דער שרייבער אַזאַ מין העלד, וואָס ער אַליין האָט עס געוואָלט זיין אין לעבן און נישט געקאָנט. דער העלד פאַרברענגט מיט פרויען און שלאָפט מיט זיי — אַזעלכע פרויען פון וועלכע דער שרייבער האָט געטרוימט און נישט געקאָנט דערגרייכן. אַזוי איז אויך מיט דער שפּראַך פון שרייבער, די פינגער מיט וועלכע ער קנעט אויס דאָס ליטעראַרישע ליים. זענען די פינגער געניט — איז די שפּראַך רייך, פאַרשידנפאַרביק. איז זי אָבער אָרעם, רעדט דער רב און דער פויער, דער בעל־עגלה און ישיבה־בחור מיטן זעלבן לשון. פאַר וואָס? ווייל דער שרייבער זעט זיי בלויז פון דרויסן. פון דרויסן האָט דער רב אַ באָרד און אַ קאַפּאָטע, דער פויער — שטיוול און אַ מאַטשעיעווקע אויפן קאָפּ. ער זעט זיי דרויסנדיק — אינעווייניק קען ער נישט אַריין אין זיי, בלויז אין זיך פון וואַנען ער שעפּט. און אין זיך איז ער נאָך אַלץ יענער שעמעוודיקער ישיבה־בחור פון וועלכן ער קאָן זיך נישט באַפרייען, הגם ער גייט שוין אָן אַ היטל און עסט טריפה.

וואָס טיפער, פאַרנעמיקער אַ שרייבער איז — אַלץ שאַרפער, בולטער שילדערט ער פאַר אונדז די קאָנפליקטן, די רייבונגען וועלכע קומען פאָר אין אים, און אויף ווי וייט דער אַרום באַווירקט אים.

ווען ער איז עכט — און עכטע קונסט אין דער ליטעראַטור פאַרטראָגט נישט קיין פאַרשטעלטקייטן, קיין דעקאָראַציעס און גרים — מוז דער שרייבער אויסטאָן זיין נשמה נאַקעט, אָן באַפּוצונגען, אָן חנדלעך און — אויסשטעלן זי פאַר אונדז...

* * *

ליפּע שאַפּיראָ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אייגנטלעך געוואָלט שרייבן וועגן בוך וואָס האָט אים באַווירקט.

„אין זיין ווערק — מיט בלינדע טריט איבער דער ערד — האָט ראָכמאַן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט ביזן לעצטן נערוו, ביזן לעצטן נשמה־צאַפּל. ער האָט ממש אַראָפּגעצויגן די הויט פון זיינע געדאַנקען, געפילן און האַנדלונגען. ער ווייזט אונדז ווי יעדער מוסקול זיינער צוקט; ווי יעדעס קעמערל אין מוח שאַפט, פאַרהעקלט זיך אין אַ צוויטס, עס באַפעלט און נעמט אָן באַפעלן. ער צעגלידערט די מענטשלעכע נשמה ביזן אומצעטיילבאַרן אַטאָם. אין דעם בוך האָט ראָכמאַן דורכגעפירט אַ פּערפעקטע וויוויסעקציע פון זיין גייסט און זיינע האַנדלונגען. ער פאַרבאָרגט גאָר נישט. ער שטעלט נישט אַרום זיך קיין באַריערן. ער לאָזט זיך אָנטאַפּן פון אונדז. ער שעמט זיך נישט און גרניסט זיך נישט מיט זיינע רעגונגען און מיט זיינע מעשים. ער איז דער מענטש וועלכן די נאַטור האָט באַשאַפן און איבער וועלכן די נאַטור האָט די אַבסאָלוטע שליטה, און גייענדיק מיט בלינדע טריט, גייט ער אָבער באַוואוסטזיניק. זיין גיין האָט אַ וואוהין און אַ פאַרוואָס.

דאָס בוך איז די כראָניק פון אַ דור און — פון איין מענטשן. כראָנאָלאָגיש נעמט דאָס בוך אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון פינף יאָר.' און וואָס פאַר אַ באַדייט האָבן פינף יאָר אין לעבן פון אַ מענטש אָדער גאָר אַ פאָלק? די דאָזיקע פינף יאָר זענען אָבער אַזוי אָנגעלאָדן מיט שפּאַנונג, מיט געראַנגל און קאַטאַסטראָפעס, מיט גוואַלטזאַמען טויט, אַז עס האָט ראָכמאַנען גענומען אַזש זעקס הונדערט זייטן אַרויסצושרייבן פון זיך דאָס וואָס אין משך פון פינף יאָר האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט אין זיין מוח, אין זיין נשמה, אין זיין גאַנץ לייב און לעבן.

ווען ראָכמאַן בלייבט אַליין מיט די געשעענישן און נעמט זיי געשטאַלטיקן ליטעראַריש, מוז ער באַשאַפן מער ווי איין העלד. וואָרום ער אַנט אַז פאַר איין מענטש איז דאָס אוממעגלעך אויסצוטראָגן, אַריבערצוטראָגן.

איז צו ערשט דאָ שין. אַ בוכשטאַב בלויז — שין. דאַן איז עס לייבל און אסתרקע.. און ראָכמאַן הייסט לייבל און זיין פרוי אסתרקע. דאַן מוז ער אויך שינען צוקלייבן א פאָר — דאָס איז רייזעלע, וועלכע שין באַגעגענט אין רוים, גייענדיק מיט די וועגן פון דער אומלעגאַלער עליה. דורך שינען איז אים אַ סך מאָל לייכטער צוצוקומען צו לייבלען. אָבער נאָך אַלעמען, מוז ער אָנקומען צו דער דירעקטער פאָרם, באַנוצנדיק דעם קורצן וועג פון איך, שילדערן אין דער ערשטער פּערזאָן.

קורץ, די געדאַנקען פון איין מענטש, זיינע איבערלעבונגען מוזן אויסגעטראָגן ווערן פון דריי, כדי צו שאַפן די קינסטלערישע האַרמאָניע פון ווערק, כדי צו געבן אונדז דעם קינסטלערישן אמת און די פּערספּעקטיוו.

דער הויפּט־מאָטיוו פון ווערק איז — חורבן. אַ פּרווו אויסצושיילן די תקופה נאָכן חורבן — פון חורבן גופא. קיין פיזישער חורבן איז מער נישטאָ. דער לעבן־געבליבענער ייד טראָגט אין זיך די פאַרשניטענע לעבנס. דאָס איז

דעם איז בלויז נויטיק געווען דער גוטער ווילן פון מענטש אָפּצוזאָגן זיך פון געוויסע פּריווילעגיעס, כדי צו דערמעגלעכן זיין שכן אויך צו געניסן פון די שיינקייטן פון לעבן.

די אידייען פון זוכן דעם מענטשן אין מענטש, פון וועלן אויסשיילן די אינטעליגענטע, ראַפינירטע און גייסטיק־רייפע אייגנשאַפטן אין מענטש, פון די פּרימיטיווע נייגונגען זיינע וועלכע די נאַטור האָט אין אים איינגעפלאַנצט, פאַרקנופּט מיט אומצאָליקע, אומזעבאַרע קנופּן, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומגעהויער שטאַרקן ווידערשטאַנד — פון מענטש גופא. דער דאָזיקער — אין פלוג גענומען איינפאַכער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער וועג — האָט צום געגאַרטן ציל נישט דערפירט.

אין אונדזער תקופה, אין דער גייסטיק אויסגעלייזיקטער צייט, האָט דער מענטש זיך פאַרנומען צו באַזיגן די נאַטור אַרום אונדז, אַנשטאָט די פריערדיקע פּרוואָון — צו באַזיגן די נאַטור אין אונדז. דאָס איז אין אַ היפּשער מאָס געראָטן. דער מענטש האָט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן. מיר אַליין זענען געווען עדות פון אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער געשעעניש, וואו דער מענטשלעכער זשעני פון וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען און טעכנישער קאָאָרדינאַציע האָבן באַזיגט די נאַטור אויף צוויי געביטן. דער מענטש האָט דערגרייכט און באַטראָטן די לבנה, און מיר, אַ פערטל מיליאָן מיילן ווייט פון דער לבנה, האָבן געקאָנט זען ווי די מענטשן שפּאַצירן דאָרט אַרום, און אויך זיך צוהערן צו זייערע באַמערקונגען און דערקלערונגען. דער מענטש האָט אויף אַ געוויסן אָפּשניט באַזיגט די נאַטור — ער האָט זי אָבער נישט געענדערט. די לבנה איז ווייטער דאָרטן וואו זי איז געווען, און איז אויך געבליבן אין זעלבן צושטאַנד פון איר אור־באַשאַף. ער קאָן די לבנה נישט דערנענטערן צו דער ערד, ער קאָן זי נישט אָנפילן מיט לופט, וועלכע איז אומבאַדינגט נויטיק כדי דאָרטן צו בלייבן לענגער.

צו די פענאָמענען פון דער נאַטור געהערט אויך דער פּראָצעס פון רעפּראָדוקציע פון די מינים. אויך אויף דעם דאָזיקן געביט האָט דער מענטשלעכער וויסן, די וויסנשאַפט אויפגעטאָן זייער פיל. דער מענטש קען היינט קאָנטראָלירן דעם דאָזיקן פּראָצעס — ער קען אים אָבער נישט ענדערן. און ווי מיר זעען עס איז די פּרימיטיווע לענדער, האָט נאָך אַלץ די נאַטור די אויבערהאַנט, טראָץ דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַז מען דאַרף אים צוימען צוליבן וואויל פון מענטשן גופא.

די נאַטור איז בדרך כלל אַ פּראַקטישע, אַן אויסגערעכנטע, אַ ציל־באַוואוסטזיניקע. נישטאָ אין איר קיין אָרט פאַר ראָמאַנטיק. באַמערקן מיר אָבער, אַז אין פּראָצעס פון רעפּראָדוצירן, פאַרמערן אָדער קאָנטינואירן דעם מענטשלעכן מין, איז דאָ אַן עלעמענט וועלכן מיר רופן אָן — ליבע. שוין די אַלטע גריכן וועלכע זענען געווען ראַציאָנאַליסטן, תכליתדיקע, האָבן דעם דאָזיקן געפיל געמוזט געבן אַן אָפיציעלן סטאַטוס און באַשטימט פאַר אים אַ ספּעציעלן געטלעכן דעפּאַרטאַמענט, אונטער דער השגחה פון גאָט עראָס.

דער מענטש, אַן און פאַר זיך, אָט ווי די נאַטור האָט אים געשטאַלטיקט, איז פויל. אויב ער טוט עפּעס איז עס נאָר דערפאַר ווייל עס איז דאָ די סיבה וועלכע צווינגט אים דערצו. דער אורמענטש, געבוירן אין אַ וואַרעמען קלימאַט, איז אַרומגעלאָפן נאַקעט, זיך דערנערט מיט די פרוכטן פון ביימער וועלכע זענען פאַר אים געוואַקסן אַ גאַנץ יאָר. קיין געפאַר פון וועלכער זיך צו באַשיצן האָט ער נישט געהאַט — זענען זיינע ביידלעך געווען לייכטע, מיט בלעטער באַדעקט. ער האָט פאַרנוצט נאָר אַזוי פיל ענערגיע וויפיל עס איז נויטיק געווען צו דערהאַלטן זיין עקזיסטענץ. דער זעלבער מענטש אין קאַלטן קלימאַט האָט שוין געמוזט זאָרגן פאַר זיין זיכערקייט צו באַשיצן זיך פון קעלט, צו באַזאָרגן זיך מיט שפּייז אויף דער צייט ווען אַלץ איז איינגעפרוירן. ער האָט געהרגעט אַ חיה נישט נאָר צוליב דער שפּייז צו דערנערן זיך, נאָר אויך צוליב דער פעל וואָס גיט אים וואַרעמקייט.

דאָס געפיל פון ליבע באַהערשט דעם מענטש אָפּטמאָל מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער איז גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַר דער וועלכער ער האָט ליב. ער איז אויך גרייט אַוועקצונעמען יענעמס לעבן צוליב דער זעלבער סיבה.

מיר זעען אָפט ווי יונגע מענטשן האַלטן זיך ביי די הענט. דאָס געפיל פון ליבע רופט אין זיי אַרויס אָט די באַדערפעניש. די נאַטור איז געדולדיק. זי ווייס, אַז דאָס וואָס זי האָט אינוועסטירט אין מענטש וועט סוף כל סוף ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאַטן, דעם ציל, די רעפּראָדוקציע פון מין. דאָס מיינט, אַז דאָס געפיל וועלכן די נאַטור האָט איינגעפלאַנצט אין מענטשן — ליבע — איז נישט צוליב ראָמאַנטישקייט, נאָר ווי אַ פּראַקטישע נויטווענדיקייט, ווי אַ סטימול צום אַקט פון רעפּראָדוצירן.

מען דאַרף זיך דעריבער נישט וואונדערן, וואָס שרייבער — וועלכער עמיצער האָט באַצייכנט ווי אינזשינירן פון דער מענטשלעכער נשמה — ווי נאָר זיי נעמען זיך שרייבן וועגן מענטשן, ווערן זיי פאַראינטריגירט, פאַרכאַפּט מיט אָט דעם פּראָבלעם, מיט דעם דאָזיקן געפיל וועלכן מען רופט געווייינלעך אָן — ליבע. ווען מיר פּרוואוון שאַצן, אַז מיליאָנען ביכער האָבן זיך צו דעם פּראָבלעם צוגערירט, ווער מיט מער דערפאָלג און ווער מיט ווייניקער, וועלן מיר וואַרשיינלעך די ציפער נישט דערשאַצן.

אַ קינד וואָס הויבט נאָר אָן אַרויסצווייזן אינטערעס צום אַרום, און וויל באַגרייפן וואָס עס קומט פאָר אַרום אים, כאַפּט זיך דאָס ערשטע צו אַ זייגער. ער וויל דערגיין דעם שכל — פאַר וואָס טיקט עס דאָרטן? זען זעט ער גאָר נישט, ער הערט נאָר: עס מאַכט טיק־טאַק. פון דעסט וועגן הערט ער ווי די עלטערן זאָגן: דער זייגער גייט, דער זייגער שטייט, דער זייגער שפּעטיקט, דער זייגער לויפט. ער אַליין אָבער זעט גאָר נישט, אויסער דעם נאָכאַנאַנדיקן טיק, טיק, טיק. און ווען קיינער זעט נישט, טוט ער זיך אַ נעם צו אים. עס וויל דערגיין: וואָס טיקט עס דאָרטן?

דערציילונג

# אין לאַבירינט פון געפילן

מ. אייזענבוד

(אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „אויף דאָס ניי״)

דער וואַלד איז ליפּע שאַפּיראָן געזעסן אין די ביינער, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַן אויסגעריסענער בוים וועלכן דער שטורעם פון דער צייט טראָגט איבער דער וועלט. וואו נאָר ער האָט זיך געפונען, נאָכן וואַלד, האָבן זיינע וואָרצלען בלויז באַרירט דעם באָדן אָבער זיך נישט איינגעפעסטיקט אין אים. דער וואַלד האָט אים קיין רו נישט געגעבן. ער האָט געפילט ווי דער וואַלד האָט זיך מיטן גאַנצן צעצווייג פון וואָרצלען איינגעקלאַמערט אין אים און נאָגט, נאָגט מיט אַ בענקשאַפט נאָך די וועלכע זענען דאָרטן געבליבן אין דער וואַלדיקער ערד, צונויפגעפלאָכטן מיט די וואָרצלען אויף אייביק.

קומט ער זיי אַ חוב? אין אים האָט געעגבערט אַ מאַנונג פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. ער האָט געגומען מערקן, אַז ווען ער אַרבעט אַרום די פּרוכטן־בוימער אין קיבוצישן פּרדס, זעט ער ביי זייט מיט פנינהן, איז ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן. ער רעדט שוין כמעט די שפּראַך וואָס צוליב איר איז ער אייגנט־לעך צוגעטיילט געוואָרן צו פנינהס אַרבעטס־גרופּע.

ליפּע האָט געזוכט דעם וועג צו זיך. געזוכט האָט ער אים דורך ביכער. נאָך אַלעמען, אפשר וועט עמיצער פאַרט געפינען די פאָרמול ווי אויפצושטעלן דאָס לעבן, אַז צווישן נעכטן און מאָרגן זאָל אויך זיך געפינען אָרט פאַרן היינט... קען דאָך זיין יוגנט נישט שטיין אייפן שיידוועג און דאָרטן גרוי ווערן, ווייל עס ווייסט נישט דעם — וואוהין?

דער אומרו האָט אים געעגבערט, ווי דער פּיק־האָלץ עגבערט אַ בוים מיטן מאָנאָטאָנעם פּוק־פּוק, פּוק־פּוק...

דאָס בוך, האָט ער געהאַלטן, איז אַ פענצטער דורך וועלכן מען קוקט אַריין אין לעבן. און ליפּע שאַפּיראָ האָט ליב געהאַט ביכער. נישט מער, ער האָט נישט גע־קאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קאָן שטיין מיטביידע פיס אין לעבן און דאָך דאַרפן אַריינקוקן דורכן פענצטער.

עס האָט געגומען צייט ביז ער איז דערגאַנגען, אַז ביכער מיינען אַ פענצטער אַריינצוקוקן אין יענעמס לעבן, און קוקנדיק אויף עמיצן, קען מען אַ מאָל דערזען אויך זיך...

די קיבוץ־ביבליאָטעק איז אויסגעשטאַט מיט פאַ־ליצעס ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן. זיי ציען זיך איבער דער לענג פון צימער, איבער דער ברייט. מען דערקענט אַז די ביכער האָבן מענטשלעכע הענט געבלע־טערט, געלייענט, געמאַכט באַמערקונגען אויף די זייטן. ער האָט אָבער געזוכט די ביכער פון די וואָס זענען, ווי ער, געקומען פון דאָרטן.

געהאַפּט האָט ער:

— אפשר האָט ווער געפינען אַ קאָמפּאַס?

איין בוך האָט אים פאַרכאַפּט מיט זיין אימפּעט און מיט די צוויי פּאָליוסן צווישן וועלכע עס האָט אַרומגע־שוועבט אַ נשמה, וואָס האָט זיך געריסן פון טויטן טאָל אַרויס.

ער האָט געלייענט נאַכט נאָך נאַכט. אין דער פרי האָט פנינה געזען זיין בלאַס פּנים, די רויטע, נישט אויס־געשלאָפענע אויגן. זי האָט חושד געווען, אַז דאָס שרייבט ער דורך די נעכט לידער. אָבער זיין בליק, וואָס האָט געקוקט דורך איר און ווייטער, האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט עפּעס מער ווי לידער. אַנ־שטאָט צו שמייכלען צו אים יענעם שמייכל וואָס צוואָ־רעמט און דערמונטערט, האָט זי אים מיט פעדאַגאָגישער רואיקייט און גלייכגילט, אַן פערזענלעכער אַריינמישונג דערקלערט די נייע ווערטער, דעם צונויפשטעל פון זאַץ און פאַרגעבן די נויטיקע אויפגאַבן די שילער פון אולפּן. ליפּע האָט די לעקציעס אויך אויפגענומען מעכאַניש, אָן פערזענלעכער אַריינמישונג. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער פאַרטיק ווערן מיט זיינע פליכטן און די איבע־ריקע צייט זיין מיט זיך. ער האָט זיך פאַרנומען זיינע רעפלעקסן און געפילן איבערצוטראָגן אויפן פּאַפּיר; צו מאַכן אַ סך־הכל וועגן דער אַריינמישונג פון שרייבער אין דעם פערזענלעכן לעבן פון העלד.

צו ערשט האָט ביי אים אין געדאַנק אויפגעבליצט דער מעטאַד, וואָס האָט אויך געדינט אַלס מעדיצין: אַ מעדיצין וועלכע היילט נישט אויס, אָבער לינדערן טוט זי דאָך. דער מעטאָד האָט אים אויסגעזען ווי די פלאַנצן־שטריק, וואָס די מענטשן־מאַלפּע אין באַקאַנטן פילם „טאַרזאַן״ נוצט צו שפּרינגען פון בוים צו בוים, פון פעלדז צו פעלדז. דער מעטאָד פון אַנטלויפן, איבערהיפּן. ליפּע האָט אויפגעשריבן: „עסקייפּיזם אין עראָטיק״.

יעדע תקופה, יעדער צייטאָפּשניט האָט זיין אָרט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אונדזער נאָענטסטע געשיכטע, פון אַרום דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט און אַנהויב צוואַנציקסטן, איז געווען די אידייאישע תקופה; אַ תקופה וואו אויפן אויבן־אָן האָבן זיך אַרויסגערוקט דענקער־אידעאַליסטן, מענטשן וועלכע האָבן געבראַכט הומאַניסטישע אידייען צום מיט־מענטש, אידייען וועלכע דאַרפן באַפרייען די מענטשהייט פון די פּלאָגן פון הונגער, מלחמה, נויט; וואָס צוזאַמען וואָרצלען זיי אין מענטש דאָס אומענדלעכע געפיל פון טרויער און ביטערקייט, און במילא שנאה צום מיט־מענטש. דורך ענדערן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, דורך באַזיי־טיקן די סיבות פון דלות, מלחמה און מענטשן־האַס, האָבן זיי געגלויבט, וועט זיך במילא ענדערן די מענטשלעכע נאַטור. צו דעם האָט מען נישט געדאַרפט קיין טעכנישע דערגרייכונגען, קיין וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען. צו

האַלבן יאָר. עס איז אַ באַדייטנדיקע צאָל — ניין און צוואַנציק אַרום און אַרום — אפשר גענוג ווען מיר נעמען אין אַכט דעם מאַנגל פון קולטור־כוחות אין אונדזער שטאָט, אָבער נישט גענוג פאַר אונדזערע אויסגעהונגערטע אַפּעטיטן.

ווי יעדן יאָר, ברענגט אַראָפּ די „קדימה" אַ גאַסטרעדנער. היי־יאָר איז עס פּראָפעסאָר עזריאל נאַקס, דער באַקאַנטער רעדנער און געלערנטער, וועלכער איז ביי אונדז שוין געווען מיט 12 יאָר צוריק. ער האָט דעמאָלט אין דער אַלטער „קדימה" אויף לייגאָן סטריט, געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און מיר זענען זיכער, אַז ער וועט אים האָבן אויך היינט.

מיר ווייסן, לײדער, אַז פיל פון זיינע אַמאָליקע צוהערער זענען היינט מער נישטאָ צווישן אונדז. אַנדערע זענען ווידער עלטער געוואָרן און זיי ווילן נישט קענען מיטמאַכן די אַלע לעקציעס זיינע, וועלכע מיר אַלע האָבן דאַן מיט אַזוי פיל דורשט און ווילן געגאַרט און געדולדיק געהערט.

דערפאַר וועלן די וואָס זענען געבליבן, און די וואָס זענען דאָך אונדז צוגעקומען, מיט גרויס דערוואַרטונג און צוטרוי קומען צו פּראָפעסאָר נאַקס' לעקציעס און ווייטער — ווי דעמאָלט — געניסן פון זיין רייכן אוצר פון וויסן און חכמה וואָס שטראַלן פון אים אַרויס.

## אין די יידישע שולן בויט מען דאָך

ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען מיר אַלע געווען באַהערשטע פון אַ צעשטערערישן פּעסימיזם לגבי אונדזער יידישער קולטור־אַרבעט. מיר האָבן אַליין זיך איינגערעדט, אַז מיר האָבן נישט קיין כוח, נישט קיין מיטלען צו באַשאַפן עפּעס נייעס, צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די אָפּגעשוואַכטע יידיש־אינסטיטוציעס. דער עיקר איז עס געווען אמת לגבי די יידישע צוגאָב־שולן.

די ערשטע האָבן געמאַכט דעם נויטיקן דורכברוך די טוער פון דער שלום־עליכם־שול. זיי האָבן געגרינדעט די טאָגשול און נאָך אַ קינדערגאָרטן און זיי אַנטוויקלען זיך גוט.

איצט זענען געקומען די טוער פון דער פּרץ־שול און אויך זיי ווילן באַווייזן, אַז זיי קענען עפּעס אויפטאָן. זיי הייבן אָן בויען אַ נייע געביידע אין באַלווין ראָד, בולין, אַ נייע געגנט וואו עס קאָנצענטרירן זיך וואָס אַ מאָל מער יונגע יידישע פאָרפעלקער. עס ווערט פאָראויסגעזען אַז שוין אָנהויב 1977 וועט אָנהויבן פונקציאָנירן אַ פולער קינדערגאָרטן און צוזאַמען דערמיט די צוגאָב־שול יעדן זונטיק אין דער פרי.

די טוער פון דעם פּרץ־צענטער ווי ער ווערט גערופן, האָפן צו פאַרוואַנדלען די געביידע אין אַ נייע יידישאינסטיטוציע אין אונדזער שטאָט — אין אַ נייער געגנט, וואָס וועט זיכער ווערן אַ נויטווענדיקייט פאַר די יונגע מענטשן וואָס הייבן איצט אָן צו בויען זייער לעבן אין דער געגנט פון מעלבורן. זונטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער האָט דער לאַנג־יאָריקער פאָרזיצער פון דער פּרץ־שול, סענדער בורשטין, דורכגעפירט די פייערונג פון לייגן דעם גרונט־שטיין אונטער דעם נייעם בנין.

מיר ווינטשן דער ניי־אַלטער יידיש־אינסטיטוציע אריכת ימים ושנים, אַ שיינע און דערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג.

## מלך ראַוויטש אין מעלבורן

אַ ברייטערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער גרויסער פּערזענלעכקייט ווי ס'איז געווען דער נאָר וואָס פאַרשטאָרבענער דיכטער מלך ראַוויטש, וועט קומען אין נאָענטסטן נומער פון „מעלב. בלעטער". איצט ווילן בלויז אונטערשטרייכן די פאַרשידנאַרטיקע טעטיקייט פון מלך ראַוויטש ווען ער איז אין 1933 אַראָפּגעקומען אַהער אויף דער איינלאַדונג פון די פריינד פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן. במשך זיין וואוינען אין מעלבורן האָט ראַוויטש געגרינדעט די ערשטע יידישע צוגאָב־שול אין מעלבורן; ער איז געווען אַ מיטגליד פון „קדימה"־קאָמיטעט; געפירט יעדן מיטוואָך אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט; געשריבן דאָ זיין בוך „קאָנטינענטן און אָקעאַנען"; געפירט אַ וועכנטלעכן קאָלום אין „די יידישע נייעס".

ספּעציעל איז ווערט אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז אויפן היגן באָדן האָט ער פאָרגעזעצט זיין טראַדיציע וואָס ער האָט איינגעשטעלט, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסצייטונג פאַר ליטעראַטור" אין וואַרשע, אין די דרייסיקער יאָרן, צו דערמוטיקן יונגע שרייבער, און ער האָט דאָ אינספּירירט דעם היגן תושב פּנחס גאָלדהאַר צו שרייבן, וואָס ער האָט געטאָן מיט גרויס דערפאָלג.

אַ קליינער פּרט: די היגע יידישע קאָמוניסטן האָבן געהאַט איינגעלאַדן ראַוויטשן אויף אַ לעקציע און זיי האָבן אים איינגעאָרדנט אַ הייסע באָד אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין „בוך בלוט אויף דער פאָן".

---

## מלך ראַוויטש ע"ה

מיט אַ פאַרשפּעטיקונג איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) איז געשטאָרבן דער באַקאַנטער דיכטער און עסייאיסט מלך ראַוויטש ע"ה.

די „קדימה" און די רעדאַקציע פון „מעלבורנער בלעטער" שליסן זיך אָן אין דעם טרויער וועלכע באַהערשט די יידישע קולטור־וועלט צוליב דעם גרויסן פאַרלוסט.

כבוד זיין אָנדענק!

---

רחל לעוויטאַ, י. אָרבאַך א.אַ.) זענען עקשנותדיק אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט, טראָץ די שטערונגען פון דער אַ.ג. עפנטלעכער מיינונג ביי אונדז אין שטאָט.

אָבער די שטימונג איז דאָך געבראָכן געוואָרן. די אוידיציע וואָס איז געווען געווידמעט די יידישע שטעטלעך אין פוילן (דעם 21־טן אויגוסט) האָט ענדלעך געבראָכן דאָס אייז און מען קען שוין היינט לייענען אין „די יידישע נייעס" וואַרעמע אָפּרופן פאַר דעם וויכטיקן קולטור־אויפטו וואָס מיר האָבן היינט צו טאָג אין אונדזער שטאָט.

און אַז מיר זענען שוין אויף דער טעמע „יידישע נייעס", לאָמיר פעסטשטעלן דעם נייעם גייסט אין דער צייטונג, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג פון יידישע קולטור־דערשיינונגען און קולטור־טעטיקייטן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער טעטיקייט פון פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס. לאָמיר האָפן, אַז דער דעמאָקראַטישער גייסט וועט ווייטער דאָמינירן אין דער צייטונג און וועט נאָך מער אַנטוויקלט ווערן, ווי עס דריקט זיך ריכטיק אויס דער „באָרד אָף דעפּיוטיס" אין זיין פונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג פאַר דער זיצונג דעם 6־טן סעפּטעמבער — „דערמוטיקן דעם פרייען אויסדרוק פון אַלע שאַטירונגען פון געדאַנק אין דער יידישער פּרעסע". אויך אין אַנדערע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט פילט מען די נויטיקייט צו אַקטיוויזירן און אַרויסברענגען אויף דער אויבערפלאַך אַלע שעפערישע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאַפט.

## דער הילפס־פאָנד פאַרדינט אונדזער אָנערקענונג

דער מעלבורנער יידישער הילפס־פאָנד האָט איצט אָפּגעהאַלטן זיין יערלעכע פאַרזאַמלונג און געוויילט אַ נייעם קאָמיטעט פאַר דעם נאָענטסטן יאָר. די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם פאַרשטאָרבענעם לעאָ פינק ע"ה, צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידן, אין יאָר 1944, האָט אין משך די העכער דרייסיק יאָר טעטיקייט לטובת יידישער אימיגראַציע קיין אויסטראַליע אויסגעפירט אַ וויכטיקע הומאַניטאַרע און נאַציאָנאַלע אויפגאַבע. פיל טויזנטער יידישע פליטים וועלכע זענען געקומען אַהער פון די נאַצישע אויסראָטונגס־לאַגערן און פון די סיבירישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָט מיט דער הילף פון הילפס־פאָנד זיך געשטעלט אויף דער פיס און געוואָרן צוריק נוצלעכע מיטגלידער פון דער יידישער געזעלשאַפט. זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש, אויפגעשטעלט פאַמיליעס און אויך אויפגעבויט אינסטיטוציעס, אָדער געהאָלפן אויפהאַלטן די אַלטע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן עקזיסטירט דאָ פון פריער.

אין פאַרלויף פון די יאָרן האָט דער צוזאַמענשטעל פון דער אָנפירונג פון הילפס־פאָנד זיך געענדערט. די גרינדער און טוער פון די ערשטע יאָרן זענען געווען מזרח־אייראָפּעאישע יידן, באַהויכט פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען, וואָס האָבן גענורטעוועט אין יידנטום אין דער אַלטער היים. די נאַטור גייט זיך אָבער איר וועג, מענטשן זענען עלטער געוואָרן, פיל זענען געשטאָרבן און זייער אָרט פאַרנעמען נאַטירלעכערהייט די יונגע מענטשן, געבוירענע אין אויסטראַליע, וועמען עס איז פרעמד אונדזער קולטור־טראַדיציע.

די דאָזיקע אַזוי צו זאָגן נאַטירלעכע דערשיינונג האָט נאָך אין הילפס־פאָנד נישט אָנגענומען קיין נעגאַטיווע דערשיינונג. דער הילפס־פאָנד איז ביים היינטיקן טאָג נאָך די איינציקע (נאָך דער „קדימה") יידישע אָרגאַניזאַציע וואָס פירט איר פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין יידיש. דער יערלעכער באַריכט און דער ביולעטין א"נ „וועלקעיר־ידיעות" גייט אַרויס אויך אין יידיש — אַ זאַך וואָס מען זעט נישט אין קיין שום יידישער אָרגאַניזאַציע אין אונדזער שטאָט.

וואָס שייך דער הילפס־אַרבעט גופא, איז אויף דעם געביט קיין שום וועזנטלעכע נייעס נישט געשען. ווייטער ווערן געהאָלפן אויף דעם בעסטן אופן א ל ע יידן, פון וואַנען זיי זאָלן נאָר נישט שטאַמען. די באַציאונג צו די געהאָלפענע איז אַ דעמאָקראַטישע, אַ פיינע, און מ'קען אין דעם פּרט זיין אַבסאָלוט צופרידן. דאָך וואָלט מען באַדאַרפט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן זיי זאָלן נישט אַוועקגיין פון הילפס־פאָנד. יונגערע מענטשן, און דער נייער דור פון אונדזערע יידן, מוז ווערן אַריינגעצויגן אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, כדי צו קאָנטינואירן דעם דעמאָקראַטיש־געזעלשאַפטלעכן גייסט פון הילפס־פאָנד — אַן אידיי וואָס זיינע גרינדער און טוער האָבן אים געגעבן גלייך אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַנטשטייאונג.

דאָס איז געווען דער גייסט, וואָס האָט דעם הילפס־פאָנד געמאַכט אַזוי פּאָפּולער ביים יידישן עולם און אַלס אַזעלכער דאַרף ער איינגעהאַלטן ווערן אויך אויף ווייטער.

עס גייט איצט אָן דער יערלעכער אַפּיל פאַר דעם הילפס־פאָנד. ער זאַמלט די פאָנדן מיט וועלכע ער פירט די אַרבעט פאַר נייע עמיגראַנטן, פאַר אונטערשטיצונגען צו נויט־באַדערפטיקע, פאַר עלטערע מענטשן פאַר יתומים, פאַר צוריקגעשטאַנענע מענטשן. לאָמיר אים געבן די מעגלעכקייט צו טאָן אָט די וויכטיקע אַרבעט, פונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט פאַר אונדז אַלעמען.

## די „קדימה" — דער גאַסט־רעדנער פּראָפעסאָר עזריאל נאַקס

אין די „מעלבורנער בלעטער" (יולי 1976) געפינען מיר אַ קורצן כראָנאָלאָגישן באַריכט פון דער צאָל קולטור־אונטערנעמונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען, ראַדיאָ־אוידיציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען במשך דעם ערשטן

א) יידיש־געזעלשאַפטן;

ב) ציוניסטישע גרופּן;

ג) אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס;

ד) ליבעראַלע סינאַגאָגעס;

ה) יידישע סטודענטן;

ו) איין פּערזאָן וואָלט נישט אַריין אין די דערמאָנטע קאַטעגאָריעס.

די דערמאָנטע קאָמיסיע דאַרף צושטעלן אַ צייט־ווייליקן באַריכט דעם „באָרד" אין דעצעמבער 1976 און אַ פולן באַריכט — צו דער מערץ־זיצונג 1977.

אַ ברייט־פאַרמאָסטענע און וויכטיקע אויפגאַבע. מיר קענען בלויז ווינטשן, אַז די דאָזיקע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן וואָס גיכער און אין אַ פולער מאָס.

## טראַגעדיע פון רוסיש־יידישע עמיגראַנטן

דער יידישער געזעלשאַפט אין מעלבורן איז לחלוטין נישט באַקאַנט וועגן איין אַספּעקט פון דער רוסיש־יידישער אימיגראַציע, וואָס גייט איצט קיין אויסטראַליע.

דער מין אימיגראַנטן קומט אָן וואַרשיינלעך אין קליינע צאָלן, אָבער דאָך איז וויכטיק אַז דער ענין זאָל באַקאַנט ווערן אין דער יידישער געמיינדע.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמיגראַציע פון רוסישע יידן קיין מדינת־ישראל, זענען מיר אַלע געווען צופרידן וואָס ענדלעך האָבן זיך געעפנט די הערמעטיש־פאַרמאַכטע טויערן פון סאָוועט־רוסלאַנד און רוסישע יידן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין ישראל. אָבער ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן (בלויז נאַאיווע האָבן געקענט טראַכטן, אַז עס קען זיין אַנדערש) האָבן טייל עמיגראַנטן געפונען דעם נייעם באָדן נישט צוגעפּאַסט פאַר זיך און האָבן געוואָלט צוריקפאָרן „אַהיים", קיין רוסלאַנד. זיי זענען מיט גרויסע שוועריקייטן צוריקגעפאָרן קיין ווין, אָבער דאָ איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע פאַר זיי — זייער „פאָטערלאַנד" האָט זיי נישט געוואָלט צוריק אַריינלאָזן...

נאָכן זיצן מאָנאַטן און יאָרן אויף זייערע וואַליזקעס, האָבן זיי געזוכט וועגן וואו צו עמיגרירן ווייטער. קיין געלט־מיטלען האָבן זיי נישט און היות ווי יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי צו העלפן, האָבן זיי געווענדעט זייערע אויגן צו — קאַטוילישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס...

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אויך קיין אויסטראַליע אַזעלכע יידישע עמיגראַנטן מיט דער הילף פון די דערמאָנטע קאַטוילישע אָרגאַניזאַציעס. וואָס שייך אויסטראַליע ווייסן מיר לכל הפחות, אַז די קאַטוילישע טוער האָבן נישט קיין מיסיאָנערישע צילן לגבי די יידן — זיי זענען גרייט אָפּצוטרעטן די עמיגראַנטן צו יעדן איינעם וואָס וויל זיי העלפן. ליידער, האָט קיין איין יידישע אָרגאַניזאַציע (אפילו נישט דער הילפס־פאָנד, וואָס איז באַרופן צו דער אַרבעט) נישט אויסגעשטרעקט די האַנט צו די דאָזיקע אומגליקלעכע יידישע פאַמיליעס.

מיר האָבן געזאָגט קיינע, אָבער דאָס איז נישט אין גאַנצן פּינקטלעך. ווייל עס האָבן זיך דאָך געפונען יידן אין מעלבורן, וואָס האַלטן זיך ביי דעם אַלטן יידישן כלל: „אין בודקין במזונות", און האָבן אָנגעהויבן צו העלפן די דאָזיקע מענטשן. מען גיט איבער, אַז אין איין פאַל האָבן די ליובאַוויטשער אין מעלבורן געבראַנגט אַזאַ יידישע פאַמיליע די סומע פון 2000 דאָלאַר, כדי צו העלפן זיי איינאָרדענען זיך.

די האַנדלונג פון די ליובאַוויטשער פאַרדינט די העכסטע אָנערקענונג. מיר טאָרן נישט אַוועקשטופּן יידן פון זיך, אוודאי און אוודאי נישט ווען מענטשן געפינען זיך אין אַ געדריקטער און געצוואונגענער לאַגע, אין וועלכער זיי זענען געשטויסן געוואָרן צו טאָן זאַכן, וואָס אַ ייד דאַרף אפשר נישט טאָן. ווי לאַנג איז עס, אַז מיר אַלע זענען געווען אין שווערע באַדינגונגען, געמוזט אָנקומען צו הילף פון יידישע און נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס („אונראַ" א. אַ.) — האָט מען אונדז געפרעגט אַ פּאַספּאָרט?

יידישע אָרגאַניזאַציעס זענען מחויב צו העלפן אַלע יידן וועלכע קומען אַהער און ווילן זיך דאָ איינאָרדענען. מיר טאָרן קיינעם נישט אָפּשטופּן פון דער יידישער געזעלשאַפט. די ליובאַוויטשער טוען אַ ריכטיקע זאַך און זאָלן געבענטשט זיין זייערע הענט.

## די יידישע ראַדיאָ־אוידיציע

כמעט אַ יאָר גייט שוין אָן די יידישע ראַדיאָ־אוידיציע אויף „אַקצעס"־ראַדיאָ. זי ווערט איבערגעגעבן אויף יידיש, העברעאיש און ענגליש. אין אַנדערע לענדער זענען יידיש־אוידיציעס אין ראַדיאָ נישט קיין נייעס, יידישע אָרגאַניזאַציעס און יחידים האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז יידיש לשון זאָל געהערט ווערן אין ראַדיאָ. דאָ האָט קיינער נישט געזאָרגט דערפאַר, הגם מען האָט עס אויך פריער געקענט דערגרייכן.

ענדלעך איז דער ענין רייף געוואָרן, ווען ס'איז מיט דער הילף פון דער פריערדיקער לייבאָר־רעגירונג איינגעשטעלט געוואָרן אַ ראַדיאָ־סטאַציע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אונדזער שטאָט. די אידיי פון ראַדיאָ־אוידיציעס אין אויסלענדישע שפּראַכן איז פאַר אויסטראַליע אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער שריט און ער האָט באַדאַרפט אויפגענומען ווערן מיט גרויס ענטוזיאַזם פון אַלע יידישע פאָלקס־מענטשן. ליידער, איז אַזוי נישט געשען. צוליב פּערזענלעכע אַמביציעס און אַנימאָזיעס האָבן זיך גענומען באַוויזן כלומרשטע קריטיקער צו די יידיש־אוידיציעס, וואָס האָבן בלויז געקענט אַרויסרופן ווידערווילן צו דעם נייעם אויפטו. אָבער די טוער פון דעם דוד הערמאַן טעאַטער, און די אַלע אַנדערע יחידים וואָס האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט (רחל האָלצער, יאַשאַ שער, יצחק קאַהאַן, פּ. רינגעלבלום, משה אייזענבוד,

ה. באַכראַך

# מעלבורנער נאָטיצן

## צי אַ נײַ לעבן אינעם „באָרד אָף דעפּיוטיס״?

די מעלבורנער יידישע געזעלשאַפט איז פון אַלע יאָרן צוגעוואוינט צו דעם פאַקטישן צושטאַנד אַז דער באָרד אָף דעפּיוטיס איז בלויז אַ „דאַך־אָרגאַניזאַציע״, „רוף אָרגאַניזעישאָן״ — אין ענגליש). אַלע יידישע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס טוען זייער אַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן און דער „באָרד אָף דעפּיוטיס״ האַלט אָפּ זיינע זיצונגען איין מאָל אַ חודש, פאַרנאָטירט דאָס וואָס די אָרגאַניזאַציעס טוען און גייט זיך פאַנאַנדער. און איין אונטערנעמונג במשך פון יאָר איז ער אַקטיוו באַטייליקט, דאָס איז די יערלעכע גערטאָ־פייערונג. אָבער אפילו דאָ ווערט די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אויסגעפירט דורך דער „קדימה״.

מיט קיין שום אַנדער טעטיקייט איז דער „באָרד״ נישט אידענטיפיצירט. וואָס ער טוט יאָ — ער רעפּרעזענטירט די יידישע געמיינדע כלפּי דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט און רעגירונג.

איז עס דערפאַר פאַר אונדז אַן אָנגענעמע איבערראַשונג, ווען מיר זעען אַן איניציאַטיוו פון דעם „באָרד״ וואָס האָט פאַר אַ ציל צו פאַרשטאַרקן די זייער מאָגערע ביז איצט יידישע אידענטיפיקאַציע פון די יידישע סטודענטן אין אויסטראַליע. אַלאַמירט הפּנים צוליב אַ לעצטנס אָנגענומענער רעזאָלוציע מצד דעם פאַראיין פון יידישע סטודענטן, לייגט איצט פאַר דער עקזעקוטיוו פון „באָרד״ צו באַשליסן, אַז —

1) יעדע יידישע אָרגאַניזאַציע איז מחויב צו שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון דער יידישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע לכל הפּחות איין לעקציע פון אַן אַראָפּגעבראַכטן יידישן גאַסט־רעדנער פון אויסלאַנד;

2) אַוועקצושטעלן אַ שטענדיקע קאָמיסיע פאַר יידישע פּרעסע־ענינים, וואָס זאָל האָבן פאַר אַ ציל:

א) צו פאַרבעסערן די אינפאָרמאַציע פון יידישע קאָמונאַלע אָרגאַניזאַציעס און זייער טעטיקייט;

ב) ברייטערע אינפאָרמאַציע־פאַרשפּרייטונג פון יידישע אַקטיוויטעטן דאָ הי פאַר אויסלאַנד, ספּעציעל אין ישראל;

ג) דאָס דערמוטיקן דאָ יידישע און העברעאישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס;

ד) דערמוטיקן דעם פרייען אויסדרוק פון יידישן געדאַנק און מיינונגען אין יידישער פּרעסע;

ה) געפינען וועגן און מיטלען צו דערמוטיקן נייע שרייבער וואָס זאָלן דרוקן זייערע אַרטיקלען אין יידישע געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבעס;

ו) די פינאַנסיעלע אימפּליקאַציע פון פאַרשפּרייטן און פּראָדוצירן פון יידישע צייטשריפטן אין מעלבורן.

כדי צו רעאַליזירן אָט די ווערטפולע און וויכטיקע אויפגאַבע זאָל געשאַפן ווערן אַ שטענדיקע קאָמיסיע, וועלכע זאָל באַשטיין צו איין פאָרשטייער וואָס רעפּרעזענטירן:

---

זיקע פּרנסות ווערן געטראָפן אין אַ טאָפּלטן מאַסשטאַב. די מיטעלע און לייכטע אינדוסטרי קען נישט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פאַר זייערע אויסאַרבעטונגען — סיי פון נישט אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער מיט זייער ביליקער אַרבעטס־קראַפט און סיי פון די הויך־אַנטוויקלטע אינדוסטריעלע לענדער מיט זייער הויכער מדרגה פון פּראָדוקטיוויטעט.

צום היינטיקן מאָמענט, שוין נאָך דעם אַזוי גערופענעם „באַלאַנסירנדיקן בודזשעט״, וואָס דער פינאַנס־מיניסטער מר. לינטש האָט אַרויסגעבראַכט, זענען די פינאַנסיעלע באַריכטן פון גאַנצן לאַנד נישט קיין פרייליכע. די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרבעסערט זיך נישט. די אַרבעטסלאָזיקייט וואַקסט צוזאַמען מיט דער אינפלאַציע און דער סך־הכל — ליקווידאַציעס פון אַ טייל אין דער מיטעלער אינדוסטרי און אויך שטאַרקע צאָלונג־שוועריקייטן אין דער סוחרישער בראַנזשע.

דער וואָרענונג־סיגנאַל אין 1976 איז צו וויסן און געדענקען, אַז אַלע אַלטע פאָראורטיילן וועגן עקאָנאָמיע ווערן אַלץ בלאַסער און אויך שוין נישט מער באַגרינדעט. עקאָנאָמישע פאַקטאָרן ווערן נאָך דעם „אויל־קריזיס״ זייער שטאַרק באַווירקט פון פּאָליטישע פאַקטאָרן און די מיטעלע אינדוסטרי פּלוס די מיטעלערע און קלענערע סוחרישע אונטערנעמונגען געפינען זיך צום היינטיקן טאָג צווישן צוויי גרויסע מילשטיינער, וואָס הייסן: גרויס־קאַפּיטאַליטישע אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס מיט אומאויסשעפּלעכע געלט־רעזערוון פון איין זייט און מעכטיקע יוניאָנס מיט גאָר שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע כוחות — פון דער צווייטער זייט. עס דראָט דעריבער די געפאַר, אַז דער מיטל־קלאַס אין דער היינטיקער „אַפלוענטישער״ געזעלשאַפט זאָל צעריבן ווערן צווישן די דאָזיקע צוויי מעכטיקע פאַקטאָרן.

די אינערלעכע און די אויסערלעכע אומשטענדן שאַפן אין די לעצטע יאָרן גאָר שווערע באַדינגונגען פאַר די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער מיט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט. ווייטגייענדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענדערונגען אויף דער גאָרער וועלט מוזן זיך אויך אויסווירקן אין אונדזער לאַנד אויסטראַליע. די דאָזיקע ענדערונגען וועלן שטאַרק טרעפן דעם „צווישן״־קלאַס אין אַלגעמיין און דעם יידישן „מיטל״־קלאַס גאָר באַזונדער.

י. אַ.

# דער עקאָנאָמישער קריזיס — 1976

אויף דער „לעבעדיקער צייטונג", איינגעאָרדנט אין דער „קדימה" אין 1973, האָט דער שרייבער פון די שורות געגעבן אין זיין אַרטיקל וועגן די יידישע פּרנסות (נאָכן קומען צו דער מאַכט פון אַ לייבאָר־רעגירונג), געוויסע וואָרנונגס־סיגנאַלן צו דעם מיטל־קלאַס, אינדוסטרי און האַנדל, אין וועלכער דער יידישער סעקטאָר איז שטאַרק פאַרטראָטן. איך האָב דעמאָלס געזאָגט, אַז אין אַלע אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לענדער — דאַרפן זיין „7 זאַטע יאָר", אָבער עס קענען אויך קומען „7 הונגעריקע יאָר" און דעמאָלס ווען עס קומט אַזאַ עקאָנאָמישער קריזיס, טרעפט דאָס אַמשטאַרקסטן די צווייט־ראַנגיקע אינדוסטרי און אויך דעם מיטל־קלאַס און קלענערן קלאַס פון האַנדל, וואו די יידישע פּרנסות זענען אַממיינסטן אַנגאַזשירט.

די „קריטיקער" פון מיינע אָפּשאַצונגען האָבן געגעבן אַן „עין־הרע" אָפּשפּרעכער־ענטפער. זיי האָבן באותות ומופתים באַוויזן, אַז אין אַזאַ רייך לאַנד ווי אויסטראַליע, קענען נאָר קומען עקאָנאָמישע קריזיסן, ווען אין דער שפּיץ פון דער פעדעראַלער רעגירונג וועלן שטיין די פאָרשטייער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע זענען אָנגעשטעקט מיט עקאָנאָמישע אידייען לויטן מאַרקסיסטישן נוסח. דאַקעגן רעגירונגען אויסער דער לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע האָבן אין זייערע פּראָגראַמען — ספּעציעל עקאָנאָמישע — נישט אין זינען בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט, שאַפן זיי נישט קיין שום מעגלעכקייט, אַז עס זאָל ווערן אַן עקאָנאָמישער קריזיס.

לאָמיר אַנאַליזירן די לאַגע היינט צו טאָג, אין יאָר 1976, ווען אין דער שפּיץ פון דער פעדעראַלער רעגירונג אין אויסטראַליע — שטייען די פאָרשטייער פון די ליבעראַלן און די „קאַונטרי־פּאַרטיי". דער אַנאַליז וועט באַשטיין קודם אין צוויי קאַרדינאַלע קשיות, וואָס וועלן זיך אויסדריקן אין פּשוטן עקאָנאָמישן זינען פון וואָרט:

1) פאַר וואָס איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין 1976 קראַנק און די אינפלאַציע איז „געזונט" און ווערט שטאַרקער פון חודש צו חודש?

2) פאַר וואָס האַלטן די פּרייזן פון אַלע אַרטיקלען — ערשטן און נישט ערשטן געברויך — אין איין שטייגן?

און אַז מען רעדט שוין וועגן דער שטייגערונג פון פּרייזן, קען מען צוגעבן צו די צוויי הויפּט־קשיות נאָך אַ קליינטשיק פּראַגעלע: האָבן די דאָזיקע פּרייזן־העכערונגען צו טאָן מיט די לוין־העכערונגען, אָדער פאַרקערט?

וויל איך נאָך די דאָזיקע הויפּט־קשיות פּלוס דער צוגאָב־קשיה, נישט געבן קיין דיאַלעקטישע תירוצים. איך וויל ווידער געבן די זעלבע וואָרענונג־סיגנאַלן ווי אין 1973, מיט אַ ביסל מער אויסטייטשונגען און באַגרינדונגען.

עס איז כמעט ווי אַ געזעץ אין דער מאָדערנער עקאָנאָמיע, אַז פּראָדוקטיוויטעט פון אַ לאַנד קען אָנהאַלטן דעם באַלאַנס צווישן העכערע לוינען און סטאַבילע פּרייזן. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די לעצטע צענדליק יאָרן אין יאַפּאַן און אין מערב־דייטשלאַנד. אין אַ געוויסער מאָס אויך אין צפון־אַמעריקע בעת דעם לעצטן עקאָנאָמישן קריזיס. אַלע אַנדערע פרייע לענדער מיט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט, וואו די פּראָדוקטיוויטעט האָט זיך נישט אַנטוויקלט — איז די עקאָנאָמישע לאַגע געוואָרן שלעכט און זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. דעם בעסטן ביישפּיל האָט געוויזן דאָס אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לאַנד ענגלאַנד, וואָס איר נאַציאָנאַלע הכנסה איז געוואָרן אַ סך נידעריקער ווי דער וואוקס פון די פּרייזן און דער וואוקס פון העכערע לוינען. די עקאָנאָמישע לאַגע אין ענגלאַנד פאַרערגערט זיך אַלץ מער און מער.

אויך אונדזער לאַנד אויסטראַליע ליידט פון דער דאָזיקער עקאָנאָמישער חולאת: שוואַכע פּראָדוקטיוויטעט און הויכע לוינען — איז דער אויספיר; העכערע פּרייזן פאַר אַלע אַרטיקלען פון דער אויסטראַלישער פּראָדוקציע און אויך העכערע פּרייזן פאַר אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

און דאָ קומען מיר צו צו די פּרנסות פון דער מיטעלער און לייכטער אינדוסטרי און צו דער מיטעלער און קלענערער סוחרישער בראַנזשע, דאָרטן וואו דער יידישער סעקטאָר איז גאָר שטאַרק פאַרטראָטן. די דאָ־

---

איינער דעם צווייטן טיף אַריינגעזאָגט. איך וואָלט היינט, פיל יאָרן שפּעטער, אַזוי נישט געשריבן. דעמאָלט איז מען אָבער געווען יונג, פול מיט טעמפּעראַמענט. האָט מען זיך דערלויבט...

איך האָב געמיינט, אַז די פריינטלעכע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן מיר און ד״ר פּאַטקין, זענען אויף אייביק איבערגעריסן. מאַכט זיך אַ מעשה, מיר ביידע זענען אויף אַ געוויסער אונטערנעמונג אין „קדימה". איך שעם זיך אויפצוהייבן מיינע אויגן אין זיין ריכטונג. איך מייד אים אויס. פּאַטקין האָט מיך באַמערקט, ער דערנענטערט זיך צו מיר, שטרעקט אויס זיין האַנט און זאָגט:

— פריינד בורשטין, מיר קריגן זיך טאַקע אין דער צייטונג, אָבער פריינד בלייבן מיר...

איך בין געווען טיף דאַנקבאַר דעם ד״ר פּאַטקין פאַר זיין האַנדלונג. ער האָט מיר געגעבן אַ גוטע לעקציע ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן...

היינט, יאָרן שפּעטער, זע איך ווי גערעכט ער איז געווען מיט זיין שטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון באַלשעוויזם...

„די לייטונג פון אויסטראַליער לעבן איז נישט אָנגע־שלאָסן אין קיין שום פּאַרטיי און דאָס גיט די גאַראַנטיע, אַז אַלע געשעענישן און פּאַסירונגען אין יידישן לעבן פון אויסטראַליע און פון דער גאַנצער וועלט וועלן ווערן באַלויכטן אָביעקטיוו, און טענדענצלאָז, פון אַן אַלגעמיין־יידישן דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט".

(ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות מיט יאָרן שפּע־טער, קענען מיר אָפּשאַצן, ווי וויכטיק ס'איז אַ רעדאַק־טאָר, וואָס זאָל אָפּהיטן די דאָזיקע פּרינציפּן און „באַ־לויכטן געשעענישן און פּאַסירונגען אָביעקטיוו, פון אַן אַלגעמיינעם יידישן דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט")...

פּנחס גאָלדהאַר איז געווען אַ וועלטלעכער ייד מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו דער יידיש־וועלטלעכער קול־טור און ליטעראַטור. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אָפן די שפּאַלטן פון דער צייטונג פאַר אַ פרייען, דעמאָקראַ־טישן מיינונגס־אויסטויש וועגן אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן.

איך האָב גאָלדהאַרן באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל אין „קדימה", ווען איך האָב געפירט די ביבליאָטעק אין יאָר 1928. ער איז געקומען יעדע וואָך טוישן אַ בוך. פון דער נאַטור אַ שטילער און באַשיידענער, כמעט אַ צוריקגע־האַלטענער. ער האָט טייל מאָל געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט גערעדט צו איך מיט זיינע שפּיזנדיקע אויגן דורך זיינע דיקע אויגן־גלעזער... פאַקטיש איז ער געווען אַ וואַרעמער מענטש. ער איז געקומען קיין אויס־טראַליע פאַר מיר, אין יאָר 1927, אָבער אין דער קולטור־אַרבעט פון דער „קדימה" איז ער נישט געווען אַנגאַ־זשירט.

פון דער צייטונג האָט ער נישט געטראַכט צו האָבן פּרנסה, ער האָט געאַרבעט פריוויליק. מ'האָט געדאַרפט זאָרגן צו דעקן די הוצאות פאַרן זעצער און פּאַפּיר. נאָר דאָס איז אויך נישט געווען.

פּנחס גאָלדהאַר האָט זייער שווער פיזיש געאַרבעט צו פאַרדינען אויף פּרנסה. איך בין דעמאָלט געווען אַ נאַכט־אַרבעטער ביי זאָקן, האָב איך דערפאַר געהאַט מער צייט בייטאָג. איך האָב אים אָפט באַזוכט אין זיין „פאַב־ריק" פון פאַרבערייַ. נישט האָבנדיק קיין מאָדערנע איינ־ריכטונגען, איז ער מיט זיין 70יאָריקן פאָטער און אַ יונגערן ברודער געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג ביי די הייסע קעסלען מיט פאַרב און מיט זייער פּרימיטיווע מיטלען, מיט דיקע דרענגער, געמישט די קאָכעדיקע פאַרב. אַלע צוזאַמען האָבן זיי קוים אויסגעאַרבעט חיונה פאַר דער פאַמיליע.

מיט יאָרן שפּעטער, מיט דער אַנטוויקלונג פון ישוב, האָט מען ערשט געזען וואָס פאַר אַ גרויסן אוצר מיר האָבן פאַרמאָגט אין גאָלדהאַרן, אַ זאַך וואָס האָט זיך אין אָנהויב נישט אָנגעזען צוליב זיין גרויסער באַ־שיידנקייט.

ער האָט באַלד אַרויסגעוויזן זיין באַציאונג צו יידיש. בעת דער עפענונג פון דער „קדימה"־געביידע אין 1933, איז כמעט די גאַנצע פייערונג געפירט געוואָרן אין ענג־ליש. ווען דער רעדאַקטאָר פון „אויסטראַליער לעבן" האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט, איז דער דעמאָלטיקער „קדימה"־פּרעזידענט ש. ווין אַרויס אין פּאַרטיידיקונג. אויף דעם ענטפערט גאָלדהאַר מיט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן

### שפּראַך און קולטור

**ס'איז ווערט צו ציטירן איין פּאַראַגראַף פון דער סעריע.**

„שפּראַך איז עפּעס מער ווי ווערטער־בוך און גראַ־מאַטיק. שפּראַך איז נישט בלויז אַן אינסטרומענט אויס־צודריקן געפילן און געדאַנקען, נאָר שפּראַך איז דער וויכטיקסטער, פונדאַמענטאַלסטער קולטור־אוצר פון יעדן פאָלק. אָן שפּראַך קען נישט געשאַפן ווערן קיין נאַ־ציאָנאַלע קולטור, ווייל שפּראַך איז אין תוך נאַציאָנאַלע קולטור. איך געדענק נאָך פון די קינדער־יאָרן אַ געדיכט אין אַ רוסישער כרעסטאָמאַטיע, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „שפּראַך איז דער ווידוי פון אַ פאָלק, איז דער אָטעם פון זיין נשמה". וויסנשאַפט, ליטעראַטור, אפילו מוזיק, צי מאָלעריי, זענען נאָר העכערע מדרגות צו וועל־כע אַ שפּראַך ווערט דערהויבן דורך אַן אינטעלעקטוע־לער באַגאַבטער מינדערהייט. אָבער שפּראַך גופא איז די קולטור פונעם גאַנצן פאָלק; פונעם זויגקינד, וואָס הויבט ערשט אָן צו רעדן, פונעם פּשוטסטן אַנאַלפאַבעט, ביזן העכסטן, גייסטיקן פאָרשטייער פון אַ פאָלק. שפּראַך קען מען פאַרגלייכן צו אַ נאַטור־פעלד, וואָס איז פאַרוואַקסן מיט ווילדע בלומען און גראָזן, וועלכע ווערן קולטיווירט און געפלעגט דורך די גייסטיקע פאָלקס־פאָרשטייער — די וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער. אָן שפּראַך קען נישט זיין קיין נאַציאָנאַלע קולטור, פונקט ווי עס קען קיין ים נישט געמאָלט זיין אָן וואַסער און אַ וואַלד אָן בוימער".

דאָס איז געווען אַ פּיאָנערישע שליחות אויפן אויס־טראַלישן באָדן, וואו עס האָט נאָך דעמאָלט געהערשט ביי טייל פיינטשאַפט, ביי אַנדערע אַ גלייכגילטיקייט צו יידיש.

די ערשטע מיטאַרבעטער אין „אויסטראַליער לעבן" אין יענער צייט זענען געווען: ד"ר אהרן פּאַטקין, לייב זשאַבינסקי, יהודה האָניג, מ. פּערלאָוו, וו. גאָטליב. אויך איך האָב זיך פון צייט צו צייט מיטבאַטייליקט.

אין עפּיזאָד דאַרף דערציילט ווערן וועגן אַ פּאָלעמיק וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן ד"ר פּאַטקין און מיר צוליב דעם אויסטראַליער „געזערד", געדרוקט אין „אויסטראַ־ליער לעבן".

ד"ר פּאַטקין איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון ראַטן פאַרבאַנד און אַזוי ווי דער „געזערד" איז אַן אָפּצווייג פון רוסישן באָלשעוויזם, דאַרף מען אויך אים, דעם „גע־זערד", באַקעמפן. איך, אַלס איינער פון די גרינדער און טוער פון „געזערד", בין אַרויס אין פּאַרטיידיקונג. די פּאָלעמיק איז אָנגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן. אין דער דיסקוסיע האָט מען זיך קעגנזייטיק נישט געזשאַלעוועט,

סענדער בורשטין

# די ערשטע יידישע וואָכנצייטונג דער „אויסטראַליער לעבן“

(זכרונות פון אַ מאָל)

אין מיינע אויסטראַלישע איינדרוקן און באַמערקונגען האַלטן מיר נאָך ווייט אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן. אַ יידישע צייטונג, אַ יידישע געדרוקטע אויסגאַבע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן איז נאָך דאַן נישט געווען.

דער יידישער ישוב אין יענער צייט האָט שוין געקאָנט באַלד פייערן אַ הונדערט־יעריקן יובל. אָבער אַזוי ווי כמעט דער גאַנצער ישוב איז געווען פון „בריטיש סטאָק“, האָט קיין פראַגע נישט געקאָנט זיין וועגן אַ פּרעסע אויף יידיש. זענען טאַקע דערשינען אין פאַרלויף פון דער צייט פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אונטער פאַרשידענע נעמען, אָבער אויף ענגליש. איך קלייב זיך נישט שרייבן די געשיכטע פון דער יידיש־ענגלישער פּרעסע, אָבער עס דאַרף באַזונדער אויסגעטיילט ווערן דער „דזשואיש העראַלד“, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין מעלבורן אין יאָר 1879. ער איז דערשינען איין מאָל אַ חודש, שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צוויי־וועכנטלעכער אויסגאַבע, און לסוף אַ וועכנטלעכע. די רעדאַקציע איז געשטאַנען אויף אַ געהעריקער הויך. צוליב פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אינטריגעס איז די וואָכנצייטונג מיט יאָרן שפּעטער אונטערגעגאַנגען. וועגן דעם וועל איך נאָך שרייבן. שפּעטער איז זי צוריק באַנייט געוואָרן.

מיטן וואוקס פון דער יידישער עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע, דער עיקר פון פּוילן, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך געפילט אַ באַדערפעניש אין אַן אויסגאַבע אויף יידיש. דער יידישער עמיגראַנט האָט קיין ענגליש נישט געקענט. די ענגלישע פּרעסע איז פאַר אים געווען פרעמד און פאַרשלאָסן. ממילא איז ער געווען אָפּגעריסן סיי פון יידישע און סיי פון וועלט־געשעענישן. דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט טאָן, איז אַבאָנירן אַ יידישע צייטונג פון פּוילן, וואָס האָט צו אים דערגרייכט 5—6 וואָכן שפּעטער. אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום טעכנישע מעגלעכקייטן אַזאַ פּרעסע־אָרגאַן זאָל קענען דערשיינען. קיין יידישע דרוקעריי מיט יידישע שריפט איז נישט געווען.

מיטן שטראָם פון דער יידישער עמיגראַציע האָט זיך דאַן באַוויזן אַ ייד, דוד אַלטשול, אַ יידישער דרוקער. ער איז שוין געווען אין זיינע פופציקער. אַליין האָט ער געשטאַמט פון רוסלאַנד. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אים געיאָגט קיין ארץ־ישראל, דאָרטן דורכגעמאַכט שווערע צייטן און וויל ס'איז אים דאָרטן געווען שווער זיך איינצוּאָרדענען, קומט ער צום סוף פון די צוואַנציקער יאָרן קיין מעלבורן און ברענגט מיט זיך אַ ביסל יידישע שריפט. ער האָט פאַרמאָגט אַלע גוטע מעלות פון רוסישן יידנטום, אַ פאָלקס־ייד אין פולן זינען פון דעם וואָרט. ער זעט, אַז ס'איז דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַ יידישער צייטונג.

אָבער — אַרויסגעבן אַ צייטונג אין יידיש איז פאַרבונדן מיט געלט און דאָס האָט ער נישט פאַרמאָגט. דאָס איינציקע וואָס ער האָט יאָ געהאַט איז געווען גרויס ענטוזיאַזם און שטאַרקן ווילן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג. ער האָט זיך געווענדעט צו יידישע גבירים, געקלאַפּט אין די טירן פון יידישע אינסטיטוציעס צו העלפן אים אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג. אָבער אַלע זענען געבליבן גלייכגילטיק צו זיין „פאַנטאַזיע“.

ער באַווירקט דאָך דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראַלד“, ניומאַן ראָזענטאַל, אַרויסצוגעבן אַ יידישע ביילאַגע צו זיין ענגלישער צייטונג. ווי אַ קוריאָז דערשיינט אַן איינמאָליקע אויסגאַבע. אַ ביסל שפּעטער, צוליב אַ מחלוקה צווישן צוויי רבנים אין מעלבורן, האָט איינער אַנגאַזשירט אַלטשולן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג, „דער יידישער פּיאָנער“, וואָס האָט אויך נישט דערלעבט מער ווי איין אויסגאַבע. דיביידע אויסגאַבעס, צוליבן פעלן פון די געהעריקע שריפט, האָט געמוזט געזעצט ווערן מיט פאַרשידענע שריפטן. אפילו פון דער שפּראַכלעכער און רעדאַקציאָנעלער זייט איז עס געווען אָן אַ האַנט...

אָבער דער „עקשן“ אַלטשול גיט זיך נישט אונטער. אין צווישנצייט האָט ער ביסלעכוויז איינגעקויפט יידישע שריפט. שטילערהייט האָט ער ווייטער געאַרבעט צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. ער ברענגט אַראָפּ זיין זון אהרן פון ארץ־ישראל, וועלכער איז געווען אַ גענייטער זעצער, און דעם 16־טן יאַנואַר 1931 דערשיינט דער ערשטער נומער פון „אויסטראַליער לעבן“. דער רעדאַקטאָר איז געווען פנחס גאָלדהאַר.

דאָס דערשיינען פון דעם ערשטן נומער פון אַ יידישער וואָכנצייטונג איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון יידיש־רעדנדיקן עולם. אין דעם ערשטן לייט־אַרטיקל שרייבט דער רעדאַקטאָר:

י. מ. לעווין

# דער גאַנג

איבער די אַקסלען פאַרוואָרפן פעקל און זעקל,
אַ האָרביקער קעמל — איך שפּאַן איבער דיונעס,
אויף האָפענונג מיראַזשן דאָס אויג אָנגעהעקלט —
און לאַנג איז דער וועג צו די קילע ברונעמס...

יאָרן אין גאַנג... די האָפענונג צעברעקלט...
צו די קילע ברונעמס דעם וועג קיינער ווייסט!
אויף צעריסענע זעגלען דער טרוים נאָך אַלץ זעגלט,
און איבער זינקנדן זאַמד דער טראָט מיד שפּרייזט.

אויפגעהערט ציילן די טריט און די טעג —
וואָס איז די פּעולה פון צאָלן און מאָסן?...
סומנער ס׳געמיט, איך ווייס נישט דעם וועג
און וואָס עס איז מיר פונעם גורל באַשלאָסן.
גיי איך מיט מיט די טעג אויף גורלס באַראָט
און בעט, ס׳זאָל אמת און ליכט בענטשן מיין טראָט.

## לידער צום ביינאַכטיקן אויפגאַנג

ג)

דער טאָג צו מערב נייגט זיין צונטער היטל
ווי אַמאָליקע שליחים מיט הכנעהדיק געבעט;
פאַרגיב די זינד!... בעט דער אַלטער מאַן אין קיטל —
מיין תפילה זאָל צום האַר נישט דערגיין צו שפּעט...

דאָס לעבן געווען לאַנג ווי אַ טאָג אין תמוז,
נסיונות אָנגעבאַרגטע, ווי נאָכן שניט אַ שייער;
דער יצר האָט געשעפּטשעט: נאַר, ס׳דאָסמאָל אַ מוז!
דער קויף אַ שיבוש די ווערט, דאָס צאָלן גאָר טייער!

בעט איך דיך הכנעהדיק, כ׳שווער ביי ביימער־קרוינען,
ביי קלאָרע וואַסער־פאַלן — איך וויל פאַרגיין אַ ריינער!
כ׳בעט די נאַכט מיין אָנדענק זאָל זי שוינען,
אונטערן מידן קאָפּ נישט מורמלען זאָלן יעקבס שטיינער.

ד)

די זון קושט מיד די קעפּ פון היגלען,
אין טאָל בלויט דעמער־טרויער,
נאָך לאַכט די זון אין ברוך פון שפּיגלען,
איר ליכט איז נאָכנישט דורך דעם לעצטן טויער.

פון ערגעץ ציען אָן בייכיקע כמאַרעס
און לעקן ס׳שיריים ליכט פון צאַנקנדיקן טעלער,
וואָס טונקעלער דער וואָלקן, העלער ווערט די מראה,
פון הימלזוים וואָס ברענט גאָר העלער, העלער.

ליכט און שאָטן — אין צווייקאַמף איינגעקלאַמערט,
אַזוי שוין לאַנג, לאַנג, לאַנג — זינט מיין געדענקען,
אויך מיין איך איז אויף העלפטן צוויי צעהאַמערט —
אין מיין נאַכט־רו וועל איך נאָך טאָג־ליכט בענקען.

AUSTRALIAN JEWISH WELFARE AND RELIEF SOCIETY

1976

**WELFARE APPEAL**

466 Punt Road, South Yarra 3141. Tel. 263727

## $300,000 מוזן מיר האָבן היי־יאָר

פאַר —
פאַמיליע־הילף;
די דריי פראַנצעס באַרקמאַן היימען;
וואוינונגען פאַר עלטערע מענטשן;
וואַרשטאַט פאַר עלטערע מענטשן;
אַדאָפּטאַציע פון קינדער;
רעהאַביליטאַציע־צענטער פאַר גייסטיק־קראַנקע;
איינאָרדענונג פון נייע אימיגראַנטן;
פינאַנסיעלע הילף פאַר נויט־באַדערפטיקע;
אויסגעפינען קרובים;
העלפן מענטשן אין שווערע צייטן.

עס איז אונדזער אַלעמענס פליכט צו העלפן דעם הילפס־פאָנד ער זאָל קענען פאָרזעצן אָט די הילפס־אַרבעט

צו פאַרזיכערן זעלבסט־רעספּעקט — צו פאַרמיידן פאַרצווייפלונג — איבערצובויען מענטשלעכע לעבנס

די צייט פון אַפּיל: 17 סעפּטעמבער — 12 אָקטאָבער

שיק אַריין דיין באַשטייערונג צו די ערן־קאַסירערס

**HONORARY TREASURERS,**
WELFARE RELIEF APPEAL 1976 – 466 PUNT ROAD, SOUTH YARRA, 3141.

ייִדישן המשך־געפֿיל — און נאָך וויכטיקער — אַ ייִדישן המשך־פֿאַרלאַנג מיט דויערנדיקע ווערטן.

* * *

אונדזער ייִדיש לעבן אין מעלבורן, פּונקט ווי אין אַנדערע תּפֿוצות, איז היינט פֿול מיט פּיינפֿולע פּראָבלעמען, וואָס פֿאָדערן אַ ראַדיקאַלע לייזונג. מיר אַקצעפּטירן די קאָנצעפּציע פֿון צוויי־קולטורישקייט, נעמענדיק אין אַכט אונדזער רעאַלע ווירקלעכקייט. ייִדישקייט היינט צו טאָג קען נאָר פֿאַרנעמען די פּאָזיציע פֿון אַ סוב־קולטור צו דער קולטור פֿון לאַנד. דאָס באַציט זיך אויך צו ייִדיש לשון ביים יונגן דור. דאָס באַטייט אָבער נישט, אַז מען דאַרף אַראָפּלאָזן די הענט. פֿאַרקערט, מיר דאַרפֿן ווייטער מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו באַקענען די יוגנט מיט דער ייִדישער שפּראַך און מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, ווייל אויב מיר וועלן עס נישט טאָן, ווער וועט דאָס טאָן?

לאָמיר נאָכטאָן דעם ביישפּיל פֿון אַמעריקע און לערנען ייִדיש אויף ראַדיאָ. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אויך נישט־ייִדן הערן זיך אין אַמעריקע צו פֿיר מאָל אַ וואָך צו די לעקציעס פֿון ייִדיש פֿאַר אָנפֿאַנגער און אַוואַנסירטע. און אַוודאי הערן זיך צו טויזנטער סטודענטן ייִדישע, וואָס פֿאַרשטייען אַז די ייִדישע שפּראַך און קולטור דאַרף זיין אַ באַשטאַנד־טייל פֿון זייער אַלגעמיינער דערציִאונג אין די קאָלעדזשעס.

מיר דאַרפֿן נישט מיד ווערן צו פּראָפּאַגירן אָט דעם געדאַנק פֿאַר דער יוגנט. דער הויפּט־פּראָבלעם פֿאַר אונדז איז, ווי אַזוי צו מאַכן אַז ייִדישקייט, ווי מיר פֿאַרשטייען עס, זאָל זיין זינפֿול פֿאַר דער וועלטלעכער יוגנט דורך אַ געהעריקן אָפּקלייב פֿון דער רייכער ייִדישער קולטור. מען קען האָבן די וואַרעמסטע באַציִאונג צו ישׂראל, מיטלעבן מיט אירע פֿריידן און ליידן, אָבער זאָרגן מוז מען פֿאַר אַ ייִדיש־שעפֿערישן קיום דאָ וואו מיר לעבן. אַזוי האָבן געטאָן די ייִדן אין בבֿל, אין שפּאַניע, און אומעטום וואו זיי האָבן געבויט, געשאַפֿן און אויפֿגעהאַלטן מיט אַלע מיטלען אַ פֿולסירנדיק קולטור־לעבן.

נישט נאָר ייִדיש לשון, נאָר דער גאַנצער קאָמפּלעקס פֿון דער רעליגיעזער און וועלטלעכער ייִדישקייט מאַכט דורך אַ שווערע קראַנקהייט (אין אַמעריקע זאָגט מען, אַז זינט די רבנים האָבן אָנגעהויבן ווערן דאָקטוירים האָט ייִדישקייט אָנגעהויבן קרענקען...); מיר ווייסן זייער גוט די סיבות פֿון דער קראַנקהייט און ס'איז איבעריק וועגן דעם צו באַטאָנען דאָ. מיר דאַרפֿן זיך נאָר גוט אַריינטראַכטן וועגן די רפֿואות פֿאַרן חולה.

דער וועלט־צוזאַמענפֿאָר אין ירושלים, וואָס איז פֿאָרגעקומען ענדע אויגוסט, האָט צוגעצויגן אויף די פּראָמינענטע קרייזן וועלכע פֿאַרשטייען, אַז ייִדיש לשון איז היינט אַ שרייענדיקע נויטווענדיקייט נישט נאָר פֿאַר די אַ״ג ייִדישיסטן, נאָר פֿאַר אַלעמען וועלכע טראַכטן און זאָרגן וועגן ייִדישן קיום אין דער נייער וועלט. מיר קענען דאָ נישט האָבן קיין קאָפּיע פֿון מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישקייט צוליב גוט באַקאַנטע סיבות, מחמת אונדזער יונגער דור לעבט זיך אויס אין אַן אַמעריקאַנער אָדער אין אויסטראַלישער קולטור. ער איז אָבער אויך פֿאַראינטערעסירט אין אַ ייִדישער אידענטיטעט. ער זוכט אַן אויטענטישע ייִדישקייט, וואָס איז אייגנאַרטיק מיט אירע עטישע און אוניווערסאַלע אויסבליקן. דאָס גיט אונדז אַ ברייט פֿעלד פֿאַר אַרבעט.

באַגלייך מיט אָט דעם תּוכן דאַרף גיין אַן אָנגריף אויף די ייִדישע פֿירערס וואָס איגנאָרירן ייִדיש. יעקב גלאַטשטיין האָט אַ מאָל פֿאָרגעלייגט מען זאָל אַזעלכע מנהיגים אַרויסגעבן עם־הארצות דיפּלאָמען... אַ ייִדישער פֿירער, האָט ער געזאָגט, וואָס קען נישט קיין ייִדיש איז אַ פֿולשטענדיקער עם־הארץ. אים פֿעלט נישט נאָר אַ לשון, נאָר אויך דאָס געפֿיל אַז כּדי נענטער צוצוקומען צום ייִדישן לעבן, צום ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, מוז ער זיך באַקענען מיטן ייִדישן לשון און מיט זיינע גייסטיקע אוצרות. מוז איצט שטאַרקער אָפּהילכן דער רוף און דער ווידער־קול: דערהערט דעם היסטאָרישן רוף פֿון ייִדיש! מיט דעם לשון וועלן אַלע זיך פֿילן אינטימער, סענסיטיווער צו די קוואַלן פֿון אונדזער שעפֿערישקייט און פֿאָלקס־זיין.

אַ מאָל איז די ייִדישע גאַס פֿאַרהילכט געוואָרן מיט פֿיל אַנטיס: אַנטי־קלעריקאַליזם, אַנטי־פֿרומקייט, אַנטי־נאַציאָנאַל א.אַ.וו. היינט קומען מיר מיט די פּראָס, מיט דעם פּאָזיטיוויסטישן פּראָגראַם, וואָס איז אָננעמבאַר פֿאַר אַלע נאַציאָנאַלע ייִדן וועלכע געהערן צו פֿאַרשידענע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, אָבער עס פֿאַראייניקט זיי אַלע אַ געמיינזאַמער ציל: קיום האומה. עס איז ווי ביי אַ פֿאַמיליע וואו די קינדער געהערן צו פֿאַרשידענע פּאַרטייען און באַוועגונגען, אָבער זיי האָבן געמיינזאַמע וואָרצלען וואָס פֿאַרבינדט זיי און צעמענטירט זיי פּסיכיש אין איין הויז־געזינד. און פּונקט ווי אין פּערזענלעכן לעבן האָבן מיר אויפֿן אויג די המשכדיקע גאַנצקייט, אַזוי מוז דאָס זעלבע געטאָן ווערן כּסדר אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. נאָר דאַן ווען מען פֿאַרלירט פֿון אויג אָט די זעאונג, פֿאַלט מען אַריין אין פֿאַרלוירנקייט און פֿרוסטראַציעס וואָס רויִנירן דאָס לעבן. זיכער מוזן מיר קוקן מיט ניכטערנע אויגן אויף די קאַרדינאַלע ענדערונגען אין דער נייער וועלט אין וועלכער עס געפֿינען זיך היינט די ייִדישע תּפֿוצות. צוליב דעם קומען פֿאָר איבערראַשונגען און צופּאַסונגען צו די נייע געשאַפֿענע באַדינגונגען פֿון יעדן לאַנד. אָבער אונדזערע גרונטיקע אמתן בלייבן ווייטער פֿאַר אונדזערע ריכט־ליניעס אין דער איבערפֿאָרמירונג פֿון דער היינט־צייטיקער ייִדישער געשיכטע. דער אחריות פֿאַרן ייִדישן כּלל דיקטירט אונדז נישט צו ווערן אונטערגייערס נאָר אויפֿגייערס — צו אַ שעפֿערישער דערהויבונג פֿון אונדזער לעבן. נאָר אין דעם ליגט אונדזער פֿאַרזיכערונג אויף דער צוקונפֿט.

יצחק קאַהאַן

דאַן נישט גאָר צאָלרייכע אַקאַדעמישע יוגנט האָט צו דעם פּיל בייגעשטייערט.

וואָס זעען מיר אָבער היינט? לאָמיר צוריקגיין צו אויסטראַליע, וואו דער רוב פון אונדזער יוגנט איז אַריינ־געטאָן דער עיקר צו מאַכן פּראָפעסיאָנעלע גוטע קאַריע־רעס און לעבן אַ גוטן טאָג... וויפיל פון זיי קענען — און ווילן — ווערן דער אַקטיוו פון אונדזער ישוב? וויפיל פון זיי פילן די מינדסטע זאָרג און אחריות פאַר אונדזער קיום? איז מיט וועמען „גייען מיר דאָ צום טיש”?

לאָמיר אַרויפפליגן די האַנט אויפן האַרצן און קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין (בפרט אין ערב ראש־השנה־דיקע געדאַנקען) און נישט באַהאַלטן זיך אונטער אַ סקאָר־באַוון אָפּטימיזם, אַז מיר זעען בולט, דאָ און דאָרט, אונ־דזערע נאַציאָנאַלע און גייסטיקע יורשים. עס האָט זיי נישט אין וועסטל־קעשענע דער „בית ווייצמאַן” און נישט די הר־הצופים־שול, און אויך נישט דער יידיש־וועלטלע־כער סעקטאָר. אונדזער צוקונפט געפינט זיך אין דעם ישוב, דערווייל נאָך, אונטער אַ געדיכטן נעפּל, פון וועלכן עס רייסן זיך טאַקע דורך, דאָ און דאָרט, נאָר געוויסע ליכטיקע שטראַלן...

* * *

נאָך דעם אַלעם געזאָגטן, מאַך איך דאָך נישט קיין יאושדיקן אויספיר. און נישט דערפאַר וואָס איך בין אַ געבוירענער אָפּטימיסט, נאָר צוליב געוויסע פאַקטן וואָס האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן בולט באַוויזן אין די מעבר־לים ישובים — דער עיקר אין אַמעריקע — און זיי באַ־וויזן בפירוש טענדענצן צום בעסערן. אָט די סימנים גיבן אונדז אויך האָפענונגען לגבי דער צוקונפט פון דעם אויסטראַלישן ישוב.

לאָמיר אַנאַליזירן אָט די טענדענצן אויפן סמך פון די ידיעות וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פון אַמעריקע אין די לעצטע יאָרן.

ערשטנס מערקט זיך שטאַרק אַ געוויסע אינטעלעק־טועלע פערמענטאַציע ביי דער יידישער יוגנט. דער יידי־שער סטודענט, וואָס איז מיט גאָר נישט לאַנג צוריק פאַר־כאַפּט געוואָרן פון פערזענלעכן קאַריעריזם, הייבט אָן אַרויסצווייזן אַ שטאַרקערע פאַראינטערעסירונג מיט ענינים פון העכערן תכלית.

למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז געוויסע יידישע סטודענטן האָבן עס פאַרמאָגט אויך פריער. אָבער זייער צאָל איז לײדער געווען אַזאַ קליינע און אומבאַדייטנדיקע פאַר דעם אַלגעמיינעם חשבון אויף אונדזער נאַציאָנאַל־שעפערישן וואָגשאָל. צווייטנס, האָבן יידישע פּראָבלעמען נאָר אויסגעזען פּראָווינציעל און אַ סתירה צו אוניווער־סאַלע אידייען. יידישקייט — אינעם נאַציאָנאַל־קולטור־רעל־ זינען — איז געוואָרן ביי דער יוגנט אַ סינאָנים פאַר סעפּעראַטיזם, בעת דער „אַמעריקאַנער טרוים” איז געווען — אינטעגראַציע (לייען: אַסימילאַציע).

היינט קענטיקט זיך אַן אַנדער אויפפאַסונג ביי אַ טייל יידישע סטודענטן. איך האָב אויפמערקזאַם געלייענט וואָס מען האָט גערעדט אויף די סימפּאָזיומס און די ענטפערס אויף אַנקעטעס פאַר יידישע סטודענטן אין אַמעריקע און עס הערט זיך שוין אַן אַנדער שטים פון יידישן סטודענט מיט גאָר אַנדערע שטימונגען. אַנשטאָט די פריערדיקע זעלבסט־פאַרלייקענונגען, וואָס האָבן זיך מאַניפעסטירט בקול רם ביי די נייע און אַלטע לינקע בכתב און בעל פה, קומט שוין היינט צום אויסדרוק די אָנערקענונג אויפצוהאַלטן אַ יידישן קיום. לייען איך אין אַ יוגנט־זשורנאַל: „עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי יידישע גורלדיקייט, וואָס איז דורכאויס עפּעס ווי ספּעציפיש יידיש. אפילו דער וואָס פאַרלייקנט זיין גלויבן, אָבער זיי־ענדיק אַ ייד האָט דאָך אַ ראַנדעוואו מיט זיין יידישער גורלדיקייט. און ווען ער אַנטלויפט פון דעם, יאָגט עס אים נאָך”.

אַזעלכע רייד האָט מען פריער נישט געקענט הערן פון יידישע סטודענטן איידער עס האָט זיך געענדערט דער גייסטיקער קלימאַט. ווייזט אויס, אַז דער יונגער מענטש האָט אָנגעהויבן צו זוכן צו פאַרשטיין זיך אַליין, צו געפינען זיך אַליין, זיין אָרט אין דער וועלט — אינ־טעלעקטועל און עמאָציאָנעל — וואו ער דאַרף געהערן.

מען זעט שוין אַן אינטערעס פאַרן יידישן וועלט־פאָלק מיט טענות הלמאי די ישובים מאָביליזירן זייערע כוחות נאָר אין צייט פון אַ גרויסן קריזיס, און הלמאי דער יידישער „עסטאַבלישמענט” זאָרגט אַזוי ווייניק פאַרן כלל. עס הערט זיך ביי די סטודענטן אויך דער געדאַנק צו פאַרבלייבן אַ ייד (מחוץ מדינת ישראל) אין אַ פּלו־ראַליסטישער געזעלשאַפט, מחמת עס גיט אַ זין און אַ ציל דעם יידישן יחיד. אויך די יוגנט, וואָס איז שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט ישראל, זאָגט זיך אַרויס פּאָזיטיוו וועגן יידישן קיום אין אַמעריקע. מען הערט שטימען וועגן יידישקייט, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט די היינטיקע באַדינגונגען, צו שאַפן אַ לעבנס־סטיל פאַר יונגע יידן, זאָל זאָל זיך אויסטיילן מיט זיין אַנדערשקייט פון דעם נוסח פון די עלטערן.

כאַראַקטעריסטיש זענען די שטימונגען פון קעגנער־שאַפט צו דעם מאַטעריאַליזם פון די טאַטעס, וואָס איז געגאַנגען אויפן חשבון פון עכטע יידישע ווערטן. מען הערט אויך ערנסטע רייד וועגן דעם קריזיס פון יידישער דערציאונג, און פאַר אונדז אין מעלבורן קלינגען באַזונ־דערס אַזעלכע וואָרנונג־ווערטער, אַז די בעסטע אויסגע־שטאַטע שולן וועלן דורך דעם מעדיום פון אַ נישט־יידי־שער שפּראַך נישט אויספורעמען קיין יידן מיט אַ נאַ־ציאָנאַלן באַוואוסטזיין. עס וואָלט געווען וויכטיק, ווען מען קען דורכפירן ביי אונדז אין מעלבורן אַן אַנקעטע צו וויסן די רעזולטאַטן פון קרוב דריי צענדליק יאָר „מאַונט סקאָפּוס”, וואו זענען אַהינגעקומען די גרויסע מחנות גראַדואירטע? די פראַגע איז: צי האָט דער קאָ־לעדזש באַוויזן טאַקע איינצופלאַנצן ביי די תלמידים אַ

וואָרן געקרייציקט, מחמת מענטשן קענען נישט פאַרטראָגן די לערע וואָס ער האָט געפּריידיקט, די פרייהייט וואָס ער האָט זיי פאָרגעלייגט...

ווען מיר קוקן אַריין אין דער צוקונפט, זעען מיר נישט ליידער דאָס זוכן אויסצומיידן די באַגאַנגענע פעלערן. האָבן דאָך בייראָן און וויטמאַן געגלויבט, אַז מען קען לערנען מער פון פעלערן ווי פון די דערפאָלגן אין לעבן. אָבער זייער צייט איז געווען אַ ראָמאַנטישע און אונדזערע איז אַ פּראָזאַאישע. און די ניכטערנע רעאַליסטן זאָגן אונדז, אַז מען לערנט נישט פון די פעלערן. דערייבער איז די וועלט איין גרויסער קאָלאָסאַלער קבר פון די טויטע פאַרלאַנגען וועלכע לערנען אונדז, אַז ווען מען מאַכט נאָר איין שלעכטן טריט, קען מען זיך שוין נישט מער אומקערן צוריק צו דעם פריערדיקן אָרט אָנצוהויבן אויף דאָס ניי אין אַן אַנדער ריכטונג.

אָט שטייט די וועלט פאַר אַ באַפעלקערונג עקספּלאָזיע. אין דרייסיק יאָר אַרום, זאָגן אונדז די דעמאָגראַפן, מעסטנדיק לויט דעם היינטיקן וואוקס פון דער וועלט־באַפעלקערונג, וועט אין יאָר 2007 זיך אַכט מיליאַרד מענטשן (היינט האָבן מיר 4 מיליאַרד). די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן מיט 30 יאָר צוריק וועלן דערציילן זייערע אייניקלעך, אַז אין זייער לעבנס־שפּאַן האָט די וועלט־באַפעלקערונג זיך פאַרגרעסערט פון בערך צוויי מיליאַרד אויף 8 מיליאַרד. אונדזערע אייניקלעך וועלן ירשנען אַן איבערבאַפעלקערטע וועלט און דער וואוקס וועט ס'רוב זיין אין די אָרעמע און ווייניק אַנטוויקלטע לענדער (די באַפעלקערונג פון אינדיע האָט זיך אין די לעצטע 30 יאָר פאַרגרעסערט פון 300 מיליאָן אויף 600 מיליאָן).

די טראַגעדיע באַשטייט אויך אין דעם, וואָס די רייכע לענדער פון דער וועלט האָבן אַ באַפעלקערונגס־וואוקס פון איין אָדער נאָך ווייניקער פּראָצענט, בעתדי באַפעלקערונג אין די אָרעמע לענדער — אויף 3 פּראָצענט (און ביי אייניקע נאָך מער). דאָס איז אויך איינע פון די וויכטיקסטע סיבות וואָס אין דעם היינטיקן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען די גרויסע וועלט־מלחמות און רעוואָלוציעס, וואָס האָבן צעטרייסלט אַלע יסודות פון סטאַביליטעט און אָרדענונג.

### ווע̇ט דע̇ר יונגע̇ר דור אונדזע̇רע̇ר ווע̇רן אַ יורש אָדע̇ר אַ פּורש?...

קומען מיר צו דעם פּראָבלעם וואָס איז אַמנאָענטסטן און אַמשווערסטן — אונדזער אייגענער יונגער דור: צי וועט ער וועלן זיין אונדזער גייסטיקער יורש?

לאָמיר באַטראַכטן אונדזער מצב אין אויסטראַליע, וואָס איז, ביז אַ געוויסער מאָס, אַ מיניאַטור־שפּיגל לגבי פיל אַנדערע יידישע ישובים וואָס האָבן אַן עלטערע מעטריקע אָבער טרעפן זיך אָן אויף דער זעלבער שווערער סוגיא און מסכתא, וועלכע אונדזערע עלטערן און זיידעס האָבן נישט געהאַט.

דער רוב מנין פון אונדזער יונגן דור באַקומט היינט אַקאַדעמישע אויסבילדונג און דעריבער דאַרפן מיר ווענדן אונדזער בליק צום אוניווערסיטעט־קעמפּוס, פון וואַנען עס דאַרפן זיך אויסבריען די צוקונפטיקע מנהיגים פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין אויסטראַליע. אָבער צווישן אונדז און דעם קעמפּוס שטייט אַ בלינדע וואַנט, וואָס דערלאָזט נישט צו האָבן צווישן אונדז אַ קעגנזייטיקע קאָמוניקאַציע.

זאָגט מען אונדז, אַז די שולד שטעקט אין דער שפּראַך־באַריערע: מיר קומען צו זיי מיט אונדזער יידיש לשון, וואָס איז נישט זייער שפּראַך. וואָלט מען דאָך געמיינט, אַז ווען מיר אָרדענען איין אַן אָוונט אין דער לאַנד־שפּראַך (ענגליש) קומען זיי דאַן יאָ צו אונדז און מיר קאָמוניקירן זיך. שטימט עס אָבער נישט מיט דערווירקלעכקייט. דאָס באַווייזט בולט, אַז די באַריערע צווישן עלטערן און יונגן דור איז נישט די שפּראַך אין וועלכער מיר רעדן צו זיי, נאָר דער תוכן. עס איז אינטערעסירט זיי לחלוטין נישט אונדזערע יידישע קולטור־פּראָבלעמען — אין וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל זיי עס נישט סערווירן.

ווידער די פרומע קרייזן און די באַקערטע צו זיי זאָגן אונדז, אַז רעליגיע האָט מיט וואָס צו קומען צו דער יוגנט. והא ראיה, זעט וואָס עס טוט זיך ראש השנה און יום־כיפור ביי די סינאַגאָגעס און טעמפּלען — פול מיט יוגנט. עס איז טאַקע אַ פאַקט מיט אַן אָבער: קען אַ צוויי און האַלב־טאָגיקע יידישקייט (מער אין דרויסן, ווי אין שול ביים מחזור) ווערן די ישועה פאַר דער יוגנט?

און אפילו ווען די ליובאַוויטשער זענען מער מצליח איבער די יוגנטלעכע (קליין אין צאָל) צו וועלכע עס דערגרייכט זייער השפעה, פירט עס דען נישט צו אַ רעליגיעזער סעקטע אָנשטאָט אַ פאָלקס־קאָלעקטיוו מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער וועלטלעכער קולטור? קען דען אין אונדזער צייט דער רעליגיעזער אינהאַלט אויספילן דאָס גאַנצע לעבן? האָט דען חיים פּאָטאָק נישט פאַרשפּיגלט דעם ריס צווישן דורות אויך אין די פעסטונגען פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט אין אַמעריקע?

אויסטראַליע — ווי אַמעריקע — איז אַן אָפענע געזעלשאַפט און אין דעם קלימאַט וואַקסט אויף אונדזער יונגער דור. עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז איבער 90 פּראָצענט וואַקסט אויס אין אַ נישט־יידישער סביבה (אויפן קעמפּוס). עס איז דעריבער נישט צו פאַרגלייכן מיט מזרח־אייראָפּע, וואו מיר — אַריינגערעכנט דער יונגער דור — האָבן זיך אויסגעלעבט אין אַ געשלאָסענער וועלט, וואו יידישקייט — אין אַלע אויסשטראַלונגען און פאָרמען — האָט אויסגעפילט יעדעס ווינקעלע פון אָט דער אָפּגעשלאָסענער וועלט. אפילו די וואָס האָבן זיך אָנגעהערט מיט יידישקייט, לאָמיר זאָגן, ווי אַן עלטער־פעטער, האָבן אויך געהאַט אַ ניצוץ — דאָס פּינטעלע ייד. דעריבער האָט דער יונגער דור געקענט צושטעלן די קאַדרען פירערס און טוערס פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, און אונדזער

יצחק קאַהאַן

# אומרו, בלאַנדזשענישן, קאַנוואולסיעס אין צייטן פון קריזיס

(ערב ראש השנה געדאַנקען)

ניִשט דעם קריזיס און די קאַנוואולסיעס פון דער־היינטיקער פּאָליטישער וועלט וויל איך דאָ באַהאַנדלען, נאָר וועגן דעם מאָראַלישן און גייסטיקן קריזיס, וואָס קומט פאַר פאַר אונדזערע אויגן אויף אַלע אָפּשניטן פון אונדזער לעבן. יעדע תקופה האָט זיך אירע קריזיסן און פיל גרויסע קינסטלער האָבן זיך געקלאָגט אויף די קריזיסן פון זייער צייט. אויך דאָסטאָיעווסקי האָט באַטאָנט, אַז עס קומט אים אויס צו שאַפן אין אַ צייט פון קריזיס. אָבער עס איז פאַראַן אַן אונטערשיד פון אַ קריזיס צו אַ קריזיס. אין זיין צייט איז זיך דאָך נישט פאַנאַנדערגעפאַלן דער גאַנצער געוועב פון דער געזעלשאַפט — די סאָציאַלע, די פילאָזאָפישע און די רעליגיעזע אידייען זענען דאָך דאַן געווען קריסטאַליזירט ביי די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. עס איז געווען דאַן אַ פאָרמולירטער יסודותדיקער סיסטעם פון ווערטן און גלויבנס וועלכע די נייע דורות האָבן נישט אָפּגעפרעגט.

אָבער גאָר אַנדערש זעען מיר אין אונדזער צייט, ווען ס׳ברויזט ביים יונגן דור דער ווילן לחלוטין אָפּצוּוואַרפן די אַלטע ירושה. דאָס ברויזט פאַראַלעל מיט דעם פאַרמעסט צו ענדערן דעם סדר העולם, וואָס האָט גורם געווען די בלוטיקסטע קאַטאַקליזמען און קאַנוואולסיעס פון צוויי וועלט־מלחמות, באַגלייט מיט דעם היטלעריזם און זיינע פאַרוויסטענישן.

אין דער וועלט־געשיכטע זענען פאַרצייכנט געוואָרן די ענדערונגען און אומוואַנדלונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט דורך יאָרטויזנטער. דערמאָנען מיר זיך, אַז נאָך מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק האָט דער אַלטער גריכישער פילאָזאָף העראַקליט געמאַכט אומשטערבלעך זיין זאָג: „פאַנטאַרעי״ — אַלץ פליסט און ענדערט זיך. אַ מענטש קען נישט אַריינגיין אין זעלבן טייך צוויי מאָל, ווייל אַלץ האָט זיך דורך דעם מאָמענט געענדערט. נישט ער איז דער זעלבער מענטש און נישט דער טייך איז דער זעלבער.

דאָס איז גאַנץ שיין געזאָגט, אָבער מיט דער באַוואָרעניש, אַז דער טערמין ענדערונג טראָגט אין זיך די אָנלאָדונגען פון אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער. אַ מאָל נעמען זיי אָן די פאָרמען פון דיסאינטעגראַציע און פאַרווילדקייט, און אַ מאָל פון אַ בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון אַ נידעריקער צו אַ העכערער שטופע. עס איז גאָר נישט קיין וואונדער היינט צו טאָג דער אומרו אַרום דער פראַגע: וואוהין גייט די וועלט ביים אָפּשלוס פון 20־טן יאָרהונדערט? און — דאָס אייגענע העמד איז דאָך אַמנאָענטסטן, שטעלט זיך אויך די פראַגע: וואוהין גייט דאָס יידישע לעבן — די צוקונפט פון יידישן פאָלק בכלל?

אין טעכנאָלאָגישן זין וועט דער לעצטער פערטל פון דעם יאָרהונדערט מאַכן אַ גאָר גרויסן קפיצת הדרך, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט פאַרגלייכן מיט די פריערדיקע צייטן. ווי אַ ביישפיל וועלן מיר נעמען קאָמוניקאַציע. אין 15־טן יאָרהונדערט האָט גענומען דריי יאָר אַרומצורייזן די וועלט אין אַ הילצערן שיפל. אין 19־טן יאָרהונדערט איז מען געפאָרן לאַנגע מאָנאַטן אין אַ דאַמף־שיף. היינט קען מען עס מאַכן אין אַ דזשעט אַעראָפּלאַן אין עטלעכע טעג און אין אַ ראַקעטע — אין אַ שעה. קען מען זיך משער זיין, ווי אַזוי עס וועט אויסזען קאָמוניקאַציע מיט 25 יאָר שפעטער.

אָבער דער קיום פון דער וועלט, פונעם מענטש, איז דאָך זיכער נישט אָפּהענגיק פון דעם פאָרשריט אין דער טעכנאָלאָגיע. די אַטאָם־באָמבע איז דאָך אין אונדזער צייט גראָד אַ שטאַרקע וואָרנונג פאַר דער וועלט פון די סכנות פאַר וועלכע זי שטייט. און גלייכצייטיק איז דאָך דער היינט־צייטיקער מאָראַלישער צוזאַמענברוך אַזוי אוניווערסאַל און עקסטרעם — ווידער אַ וואָרנונג נישט וויניקער ווי די אַטאָם־באָמבע!

מיר גלויבן, אַז עס מוז קומען אַ קאַרדינאַלע ענדערונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ זינלעכער עקזיסטענץ אין אַ וועלט וואָס ווערט כסדר מער קאָמפּליצירט.

פּאָליטיש איז די וועלט היינט צעטיילט אין עטלעכע בלאָקן מיט צוויי סופּער־מלוכות. דער מזרח־בלאָק מיטן ראַטן־פאַרבאַנד בראש קען זיך אַליין נישט קיין עצה געבן מיט זיינע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. רוסלאַנד וואָס פאַרמאָגט מער נאַטירלעכע אוצרות ווי וועלכעס ס׳איז לאַנד אין דער וועלט, איז נישט בכוח צו דערנערן אירע בירגער. און מיר האַלטן שוין ביי 60 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, אָט די רעוואָלוציע וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו ראַטעווען רוסלאַנד און די גאַנצע וועלט...

אָבער אויך די מערב־וועלט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון מאָראַלישער און גייסטיקער ירידה. מיר זעען אויף טריט און שריט דעם מצב פון דעקאַדענץ. די וועלט איז היינט פול מיט דאָסטאָיעווסקי־טיפּן, וועלכע זענען אַזוי בולט כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט. דער באַרימטער דיאַלאָג צווישן גרויס־אינקוויזיטאָר און קריסטוסן, ווען דער ערשטער זאָגט צו אים, אַז אויב יעזוס וואָלט היינט צוריקגעקומען, וואָלט ער זיכער אויפסנייַ גע־

מען דאַרף פֿאַרשטיק. עס זענען אָבער פֿאַראַן זאַכן וואָס מען קען זיי ערשט פֿאַרשטיין נאָך דעם ווי מען לאַכט אָדער מען וויינט איבער זיי. ביים לייענען „פֿאַרוואָס?" וועט זיך באַוויזן אַ טרער אין אויג, אַ סימן אַז מען איז ראוי צו פֿאַרשטיק.

## 2. אַ בוך וועגן געשיכטע

דאָס לעבעדיקע פֿאָלק, פֿון ש. הייליק, פּרץ־פֿאַרלאַג, וויניפּעג.

דער נאָמען פֿון דעם בוך איז נישט קיין צופֿעליקער. ס'איז נישט סתם אַזוי אַ שיינע פֿראַזע: דאָס לעבעדיקע פֿאָלק. נו, עס קלינגט גוט, אָבער ס'איז אַ נאָמען וואָס אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז דעם אינהאַלט פֿון דעם ווערק, דעם ספּעציעלן ציל וואָס דער מחבר האָט פֿאַר זיך אָנגעמערקט. ס'איז אַ געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, צוגעפּאַסט, לויטן מחבר, פֿאַר די עלטערע קינדער פֿון די יידישע שולן. דער אמת איז אַז עס איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַלע שולן, אַזש גאָר ביז די סעמינאַרן, ווי אויך פֿאַר דערוואַקסענע מיט חשק אָפּצופֿרישן זייערע ידיעות אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. אַ חוץ אַנדערע מעלות, לייענט עס זיך ווי אַ ראָמאַן און ס'איז ממש פֿאַרכאַפּנדיק.

דער מחבר דערקלערט אַז זיין מעטאָד איז רעטראָספּעקטיוו, געוויינלעך הייבט מען אָן אַ געשיכטע — צי פֿון אַ פֿאָלק, אַן אָרגאַניזאַציע, אַ סאָציאַלע באַוועגונג — מיט אַ באַשטימטן מאָמענט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און מען גייט אָן ביז דער קעגנוואַרט, אָדער ביז אַ פּונקט וואו מען וויל זיך אָפּשטעלן פֿאַרן הײַנט. ש. הייליק הייבט אָן מיטן איצטיקן מצב, מיט דער באַלדיקער קאָניונקטור אָדער סיטואַציע, און פֿירט אויף צוריק. איך וואָלט עס אָנגערופֿן דער פּסיכאָלאָגישער מעטאָד לגבי דעם כראָנאָלאָגישן.

דער סדר פֿון בוך איז אַזאַ: די ערשטע קאַפּיטלען שילדערן יידיש לעבן, יחידיש און ציבורדיק, אין קאַנאַדע, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, מעקסיקע, אין די דרום אַמעריקאַנער לענדער. און דערנאָך נעמט אונדז דער מחבר אויף אַ „שפּאַציר" איבערן שוואַרצן קאָנטינענט (אַפֿריקע), אַזיע און אויסטראַליע. ער ענדערט דעם מעטאָד — און ס'איז גוט וואָס ער טוט עס — וואָס שייך אייראָפּע און מדינת־ישראל, כדי צו אַנטפּלעקן די וואָרצלען און קוואַלן פֿון אונדזערע גייסטיקע טראַדיציעס און אידייאישע ווערטן וואָס זענען דורכגעלויכטן מיט אוניווערסאַלע וויזיעס.

ס'איז אַ ספֿר וואָס פֿאַרשאַפֿט הנאה, מחמת ס'איז אַ מחיה צו לייענען און עס באַרייכערט אונדזער וויסן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק.

דער פֿאָרמאַט איז אַ שיינער, אַ פּראַכט פֿאַרן אויג. דער דרוק איז אַ קלאָרער און פֿאַראַן צענדליקער בילדער, אילוסטראַציעס, קאַרטעס און מאַפּעס פֿון דעם מחבר אַליין, וואָס פֿאַרמאָגט אויך גראַפֿישן טאַלאַנט.

## 3. אַ בוך וועגן דעם קדוש אַרטור זיגעלבוים

דער כוח צו שטאַרבן, פֿון פּייוול זיגעלבוים. פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב.

די לעגענדע פֿון אונדזער דור — אַזוי האָט אים די דיכטערין רחל קאָרן געקרוינט. אַרטור (שמואל) זיגעלבוים איז געוועזן די לעגענדע און דער געבענטשטער מאַרטירער פֿון דעם חורבן. לויטן רמב"ם איז יעדערער וואָס שטאַרבט צוליב דעם וואָס ער איז אַ ייִד איז אין דער בחינה פֿון אַ מאַרטירער, מחמת ער איז מקדש שם ישראל ברבים.

זיגעלבוים איז אין מאַי 1943 געווען אין לאָנדאָן, וואו ער האָט פֿאַרטראַטן דעם אונטערערדישן „בונד" אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. ביים אָנהייב פֿון דער מלחמה איז ער געווען אין וואַרשע און האָט מיטן גאַנצן אימפּעט זיינעם געקעמפֿט אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון וואַרשע, און ווען נאָך זייער זיג האָבן די נאַצי־דייטשן געפּאַדערט צוועלף משכנות פֿון דער באַפֿעלקערונג, האָט זיגעלבוים זיך אַליין פֿאַרגעלייגט. דער „בונד" האָט אים ממש געצוואונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון לאַנד, כדי אויפֿצורודערן די וועלט וועגן דער ברוטאַלער הערשאַפֿט פֿון די נאַצי־דייטשן.

דעם בלוטיקן רעזשים אין פּוילן, און זיין „אַרויספֿאַר פֿון פּוילן", האָט זיגעלבוים אויפֿגעדעקט אין „פֿאָרווערטס" סוף 1940. ער איז אַרומגעפֿאָרן אין אַמעריקע און האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט די מגילה פֿון פּיין פֿון זיינע שוועסטער און ברידער אין פּוילן און האָט אויסגעקלאַגט זייער איכה און האָט געבעטן און געפּאָדערט הילף אויף צו לינדערן זייער פּיין. און ווען ס'איז געווען אומזיסט, האָט ער געהאַפֿט, אַז מיט זיין טויט וועט ער אפֿשר דערגרייכן דאָס וואָס ער האָט אין לעבן נישט געקאָנט פּועלן.

דעם צוועלפֿטן מאַי איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַקט פֿון קידוש השם, ווי אַ צאָרנדיקער און פּאַטעטישער פּראָטעסט קעגן אַן אַפּאַטישער וועלט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ מעכטיקן בריוו ממעקים, פֿון די טיפֿענישן פֿון דער נשמה, מיט דער לעצטער בקשה און מאָנונג זיינער צו דער וועלט.

פּייוול זיגעלבוים, אַ יונגערער ברודער, אַ נאָוועליסט און דראַמאַטורג, האָט געווידמעט דעם אָנדענק פֿון זיין עלטערן ברודער אָט דעם ספֿר — „דער כוח צו שטאַרבן" אין זיין הספּד איבער עמיל זאָלאַ, דער פֿאַרטיידיקער פֿון דרייפֿוסן, האָט זשאַרזש קלעמאַנסאָ געזאָגט: „אין אים האָט אויף אַ רגע אויפֿגעלעבט דאָס געוויסן פֿון דער מענטשהייט". פּייוול זיגעלבוימס ספֿר דערציילט וועגן זיגעלבוימס עלטערן, משפּחה, זיין יוגנט און זיינע געזעלשאַפֿטלעכע טואונגען; און ס'איז דאָ אַ רובריק „שרייבערס וועגן אַרטור זיגעלבוים".

דאָס דוויערנדיקסטע אין בוך איז דאָס וואָס פּייוול זיגעלבוים פֿאַראייביקט די רגע און דאָס געוויסן פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס האָט אויפֿגעציטערט און אויפֿגעשיינט אין אַרטור זיגעלבוים.

# זייט באַגריסט
# ד״ר עזריאל נאַקס

פּראָפעסאָר עזריאל נאַקס איז אין אונדזער יידישן ישוב נישט קיין פּנים חדשות. שוין מיט 12 יאָר צוריק, ווען פּראָפ. נאַקס האָט באַזוכט אויסטראַליע, האָט ער זיך קונה שם געוועןביים היגן יידישן עולם מיט זיינע רעפעראַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם הויך־עטישן צוגאַנג צו אַלע וויכטיקע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט. אַ גאָר שטאַרקן איינדרוק האָבן איבערגעלאָזן זיינע לעקציעס וועגן ליטעראַטור, יידישע שרייבער און דיכטער. די שפּראַך זיינע איז פול מיט שיינקייט, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער ערודיציע, פיינע אַנאַלאָגיעס און אידיאָמאַטיק.

אַ חוץ אַ גלענצענדער גאָט־געבענטשטער רעדנער, איז פּראָפ. נאַקס אַן ערנסטער און טיפזיניקער שרייבער, עסייאיסט און זשורנאַליסט. זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס" און אין אַנדערע יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן, זענען דורכגעדרונגען מיט דעם נישט דורכשניטלעכן וויסן אויף אַלע געביטן, און ספּעציעל איז ער בקי אין די יידיש־רעליגיעזע און יידיש־וועלטלעכע פּראָבלעמאַטיק. סיי זיין שרייבן און סיי זיין רעדן איז ערנסט, טיף און שיין אַרויסגעבראַכט. פּראָפ. נאַקס, דער גייסטרייכער קולטור־מענטש, וויל געפינען דעם סינטעז צווישן די שאַרפקייטן וואָס טיילן פאַנאַנדער דעם „האָמאָ סאַפּיענס" און ספּעציעל וויל ער געפינען דעם סינטעז אין די היינטיקע גורלדיקע צייטן פאַר דעם יידישן פאָלק, בפרט צווישן דעם רעליגיעזן און סעקולערן יידישן לעבן אין מדינת־ישראל און אין די תפוצות.

אַ גאָר באַזונדערע מעלה האָט פּראָפ. נאַקס מיט זיין פּיעטעט און ליבשאַפט צו דעם לשון־הקודשים יידיש. מיר אַלע, וועמען מאַמע־לשון איז נאָענט און טייער, מיר די יידיש־קנאים, וועלכע ווילן ווייטער ציען און שפּינען די גאָלדענע קייט פון יידיש, בכדי דאָס איבערצוגעבן אונדזערע קינדער, באַגריסן אונדזער חשובן גאַסט פּראָפ. עזריאל נאַקס מיט אונדזער האַרציקן יידישן אויסרוף:

— זייט באַגריסט ד״ר עזריאל נאַקס!

אַז די אויבן דערמאָנטע ווערטער לכבוד דעם הייאָריקן קולטור־גאַסט פון „קדימה" זענען נישט סתם קיין שיינע לויב־ווערטער, האָט באַוויזן דער קבלת־פּנים פאַר אים אין לעאָ פינק זאַל פון „קדימה", זונטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער ה״י. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט און דער פאַרזאַמלטער עולם פון אַלע שיכטן פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג, האָבן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דעם גייסטרייכן רעפעראַט פונעם גאַסט א״נ: „יידישע רעליגיעזע טראַדיציע און דער מאָדערנער ייד".

י. אַ.

ד״ר עזריאל נאַקס (ניו־יאָרק)

## ליטעראַרישע נאָטיצן

### 1. אַ בוך וועגן דעם חורבן

WHY? By Leon Richman. Vantage Press, New York. 273 pages. $5.95.

די צאָל ביכער וועגן דעם חורבן האַלט זיך אין איין פאַרמערן. פאַראַן אַזעלכע וואָס טענהן, אַז ס'איז אַ שאָד; אַז מחמת דער פאַרפלייצונג פון ביכער איז דאָ די סכנה, אַז די טראַגיק פון חורבן זאָל פאַרבלאַסט און פאַרמינערט ווערן. גוטע ביכער זענען בכלל אַ זעלטנקייט, און וואָס שייך דעם חורבן איז דאָס אוודאי ריכטיק. פון דעסט וועגן איז דאָ אַ היפּשער מהלך צווישן די גאָר גוטע ביכער וואָס פאַרבלייבן אין דעם אוצר פון דער ליטעראַטור, און אַזעלכע וואָס די צייט מעקט אויס. אין דעם ברייטן שטח זענען פאַראַן ביכער וואָס פאַרמאָגן פאָרט אַ קערן און עס קאָן פון דעם עפּעס אַרויסוואַקסן, און עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז ער זאָל זיין ערגעץ וואו אַ צושטייער צו דער אַלגעמיינער טעמע מיט וועלכער דער מחבר באַשעפטיקט זיך.

בנוגע ביכער וועגן דעם חורבן איז פאַראַן נאָך אַ טעם וואָס מען טאָר נישט פאַרגעסן, בפרט די וואָס זענען „אין טרעבלינקע נישט געווען". ס'איז דער ווייטיק אין האַרצן, די שנאה צו די רוצחים וואָס ווערט נישט און דאַרף נישט אויסגעלאָשן ווערן און עס מוז דאָך באַקומען אַ תיקון. די יעניקע וואָס עס געלינגט זיי אָנצושרייבן זייערע זכרונות, הגם עס מיינט איבערלעבן אויף דאָס ניי זייערע ליידן, העלפט עס זיי אָבער צו באַפרייען זיך ביז אַ געוויסן גראַד, און ס'איז אין דעם אַ היילונג, אַ ניואַנס מנוחה פאַרן געמיט.

אין אָט דער קאַטעגאָריע געהערט לעאָן ריטשמאַנס „פאַרוואָס?" די פראַגע, פאַרשטייט זיך, איז אַ רעטאָרישע. דאָס הייסט, נישט ער אַליין האָט בדעה צו געבן אַן ענטפער און נישט ער ריכט זיך אויף אַן ענטפער. ער חקירהט זיך נישט און ער באַמיט זיך נישט צו דערגרונטעווען זיך צו דער משונהדיקער פּסיכיק פון די נאַצי־דייטשן.

ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט חדשים, אפשר יאָרן, אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לעמבערג, 134 יאַנאָווסקאַ גאַס. ער שילדערט מיט פּינקטלעכע איינצלהייטן, אָן פליטערלעך וואָס איז דאָרטן געשען פון טאָג צו טאָג. און קיין טאָג איז נישט געווען אַזוי ווי דער פריערדיקער. וואָס, וואָס, ווי טעמפּ און נאַריש די הענקערס וואָס האָבן דאָרטן געבושעוועט און איזדיעקעוועט זיך איבער זייערע קרבנות זענען נישט געווען, האָבן זיי אָבער געהאַט גענוג סאַדיסטישע פאַנטאַזיע אויף אויסצוטראַכטן נייע עינויים און דערנידעריקונגען יעדן טאָג און עטלעכע מאָל אַ טאָג.

דער גרויסער שפּינאָזאַ האָט געעצהט אַז מען זאָל נישט לאַכן און מען זאָל נישט וויינען איבער זאַכן, נאָר מען זאָל זיי פאַרשטיין. ס'איז אַ האַלבער אמת טאַקע,

חמה און אויב די ערשטע פאַרטיידיקונגס־ליניע פון דער ישראל־אַרמיי וועט זיין באַדראָט — דאַן וועט אַמעריקע קענען בליץ־שנעל אַריבערוואַרפן מיט טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען גאַנצע דיוויזיעס פון מאַנשאַפטן צו די צוגעגרייטע געווער־לאַגערן.

פּראָפעסאָר אולמאַן אַרגומענטירט, אַז אַזאַ צושטאַנד וועט געבן ישראל מער זיכערקייט ווי די טעריטאָריעס, ווייל די אַראַבער וועלן וויסן, אַז זיי האָבן נישט קיין שאַנס פון אַ דערפאָלגרייכן איבערפאַל קעגן די יידן, ווייל אין רוקן וועט זיין די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט מיט אירע אומבאַגרענעצטע כוחות אין וואָפן־מאַטעריאַל און מאַנשאַפט. אַזאַ אַנטוויקלונג וועט ברענגען אַ פאַקטישן דעטאַנט און אַן עווענטועלן שלום.

פּראָפעסאָר אולמאַן אַרגומענטירט אויך, אַז זיין פּראָיעקט וועט נישט זיין פאַרבונדן מיט ספּעציעלע קאָסטן פאַר אַמעריקע, ווייל די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט וועט בלויז איבערפירן אַ טייל פון די עקזיסטירנדיקע כוחות פון איין פּלאַץ אויף אַ צווייטן.

אין קעגנזאַץ צו ד״ר בזשעזשינסקיס פאָרשלאַג פון אַן אַרויפגעצוואונגענע לייזונג מיט אַמעריקאַנער גרענעץ־פּאַטראָלן — באַטאָנט פּראָפעסאָר אולמאַן, אַז די איניציאַטיוו פאַר אַזאַ מיליטערישן פּאַקט מוז קומען פון ישראל.

כאַראַקטעריסטיש אַז ביידע אָפּהאַנדלונגען שלאָגן פאָר אַ דירעקטע אַמעריקאַנער מיליטערישע אָנוועזנהייט אויפן באָדן פון ישראל.

אָפּגעזען צי דאָס איז גוט פאַר ישראל אָדער שלעכט פאַר ישראל, איז איין זאַך זיכער: אויב די ביידע מחברים — פּאָליטישע פאָרשער און וויסנשאַפטלער — פּראָפּאָנירן מיליטערישע כוחות אויפן באָדן פון ישראל, איז דאָס דערפאַר ווייל זיי האַלטן אַז דאָס איז גוט פאַר אַמעריקע — כאָטש ביידע אַרגומענטירן און איבערצייגן, אַז זיי מיינען נאָר צו פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג צווישן אַראַבער און ישראל.

ס׳לייגט זיך ממש אויפן שכל אָט אַזאַ אויפקלערונג: די „נאַטאָ״־אַליאַנס — דער מיליטערישער פּאַקט פון אַמעריקע און די אייראָפּעאישע פאַרבינדעטע, איינשליסנדיק טערקיי און גריכנלאַנד — איז אין אַ גרויסער סכנה. צוליב דעם ציפּערן־סכסוך צווישן טערקיי און גריכנלאַנד דראָט די געפאַר אַז דער דרום־מזרחדיקער פליגל פון „נאַטאָ״ זאָל זיך צוזאַמענברעכן, ווייל סיי טערקיי און סיי גריכנלאַנד דראָען צו ליקווידירן די אַמעריקאַנער באַזעס אויף זייער באָדן.

אַמעריקע האָט מיט שווערע אוצרות געשטיצט אַן אכזריותדיקן דיקטאַטאָרישן רעזשים אין גריכנלאַנד און אַנטאַגאָניזירט די גריכישע באַפעלקערונג. דער דיקטאַטאָרישער רעזשים האָט אומפאַראַנטוואָרטלעך פּראָוואָצירט דעם קאָנפליקט מיט טערקיי איבער ציפּערן און אַליין געפאַלן דער קרבן פון דעם קאָנפליקט. אָבער דער ענדגילטיקער קרבן איז אַמעריקע, ווייל אין רעזולטאַט פון דעם קאָנפליקט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויב עס זאָל אַפילו געלינגען צו פאַרלאַטען די שפּאַלטן צווישן טערקיי און גריכנלאַנד — און די שפּאַלטן פאַרגרעסערן זיך פון טאָג צו טאָג — קאָן אַמעריקע נישט מער בויען איר זיכערקייטס־סיסטעם אין דער געגנט אויף דעם טערקיש־גריכישן פליגל.

אין דעם גאַנצן שטח דרום פון די טערקיש־גריכישע טעריטאָריעס זענען פאַראַן נאָר אַראַבישע לענדער און ישראל. אַמעריקע קאָן אַפילו נישט קאָנטעמפּלירן אַ זיכערע באַזע אין אַן אַראַבישן לאַנד. געווען אַמאָל אַזאַ באַזע אין ליביע, ווען ס׳האָט דאָרט געהערשט אַ קעניג. די באַזע האָט געקאָסט אַ טויזנט מיליאָן דאָלאַר. איבערנאַכט — אויס קעניג, אויס באַזע — געבליבן איז גאַדאַפּי . . .

דאָס איינציקע לאַנד אויף וועלכן אַמעריקע קאָן רעכענען איז ישראל, צוליב צוויי טעמים. ערשטנס, איז ישראל אַ סטאַבילע, דעמאָקראַטישע מדינה. צווייטנס, איז די זיכערהייט פון ישראל און אירע בירגער פאַרבונדן מיט אַמעריקע. — אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר אַ באַזע: אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, אַ פריינטלעכע באַפעלקערונג, אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע פון מיטללענדישן ביז צום רויטן ים.

דאָס, וואָס פּראָפעסאָר אולמאַן איז קריטיש צו די שריט־ביי־שריט אונטערהאַנדלונגען, ווייל צום סוף וועט ישראל צוריקגעבן אַלע טעריטאָריעס און טראָץ דעם נישט דערגרייכן קיין שלום, דאַרף מען אויסטייטשן אָט ווי: כל זמן ישראל האַלט די טעריטאָריעס, קען אַמעריקע איבערצייגן די אַראַבער אַז זיי קאָנען צוריקבאַקומען די טעריטאָריעס אונטערן באַדינג, אַז אַן אַמעריקאַנער באַזע וועט געבן ישראל די זיכערהייט, וואָס האָט זיך ביז איצט געשטיצט אויף די טעריטאָריעס, אָבער ווען ישראל וועט האָבן צוריקגעגעבן די טעריטאָריעס אין שריט־ביי־שריט פאַרהאַנדלונגען, וועט די אַמעריקאַנער באַזע סוף כל סוף אַרויסרופן אַ געוואַלטיקע רעאַקציע.

אַן אַנאַליז פון די ביידע אָפּהאַנדלונגען, ספּעציעל ווען מען נעמט אין באַטראַכט די פּערזענלעכקייטן פון די מחברים — ווייזט אונדז וואָס עס קאָכט זיך אין דער קיך פון דער אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטיק. ס׳ווייזט אויס אַז אין דער אַזוי־גערופענער „איבערראַשונג פון אַמעריקאַנער מיטל־מזרח פּאָליטיק״, ווערט רייף אַ פּראָיעקט פון אַן אַמעריקאַנער באַזע אין ישראל.

---

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע

„די אַנטלויפערס — פון גסיסה צום לעבן״. מעמואַרן פון געטאָס און קאַצעטן. דאָס זענען די לעצטע שריפטן פונעם שרייבער ירחמיאל בריקס ע״ה, אַרויסגעגעבן דורך זיין פרוי הינדע בריקס. אַריינפיר־וואָרט: פּראָפ. סאָל ליפּצין; רעדאַגירט: בערל כהן. 263 זייטן.

וועט ליקווידירן דעם רוסישן איינפלוס אין מיטעלן מזרח — פֿאַר וואָס וויל ער אַז אַמעריקע זאָל ראַטעווען די רוסישע אינטערעסן? דער וואַרשיינלעכער ענטפער איז, אַז אַמעריקע וויל פֿאַרמיידן אַ נייע קאָנפראָנטאַציע מיט די סאָוויעטן, וואָס אַזאַ סירישע מפלה וואָלט געקאָנט גורם זיין און דערפֿאַר איז ער גרייט מסכים צו זיין אויף רוסלאַנדס מיליטערישע אָנוועזנהייט אין אַ כמו־נייטראַליזאַציע פֿון דעם געביט.

ס׳איז אָבער אַ גרויסער ספק צי די רוסן וועלן איינגיין אויף דעם הויפּט־באַדינג פֿון בזשעזשינסקיס פּראָיעקט — אַז ס׳טאָרן נישט זיין קיין סעפּאַראַטע זאָנעס פֿאַר די גרויסמאַכטן, נאָר בשותּפֿותדיקע פּאַטראָלן, אַזוי אַז די גרויסמאַכטן זאָלן נישט קאָנען קאָנטראָלירן אָדער אַפֿילו באַאיינפֿלוסן זייערע קליענטן. אויב די סאָוויעטן זאָלן אָננעמען דעם הויפּט־באַדינג, וואָלטן זיי זיך ממש איינגעשפּאַנט אין אַ געשפּאַן וואָס וואָלט פֿאַרזיכערט שלום אָדער ווייניקסטנס דעטאַנט צווישן ישׂראל און די אַראַבישע שכנים, וואָס וואָלט גלייך עלימינירט דעם רוסישן איינפֿלוס און די רוסישע אינטערעסן, ווייל: אויב סיריע און די פּ.ל.אָ־מדינה וועלן נישט האָבן די מעגלעכקייט צו איבערפֿאַלן די גרענעצן פֿון ישׂראל, וואָס וועלן געהיט ווערן דורך די אַמעריקאַנער און רוסן — צו וואָס וועלן זיי דאַרפֿן די אַפּוטראָפּסות פֿון רוסלאַנד? די לאָגישע אַנטוויקלונג פֿון אַזאַ צושטאַנד וואָלט געווען אַז אַלע אַראַבישע לענדער וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאַנער ספֿערע בכדי צו געניסן פֿון אַמעריקעס עקאָנאָמישער הילף און אַמעריקאַנער טעכנאָלאָגיע.

ד״ר בזשעזשינסקי ווייסט בלי ספֿק, אַז רוסלאַנד וועט נישט איינגיין אויף בשותּפֿותדיקע פּאַטראָלן, וואָס זאָלן גאַראַנטירן די אַראַביש־ישׂראלדיקע גרענעצן. דער פּראָיעקט פֿון אַמעריקאַנער רוסישן שותּפֿות איז וואַרשיינלעך נאָר אַ שוי־פֿענצטער־שפּיל, בכדי שפּעטער צו דערקלערן אַז היות רוסלאַנד וויל נישט — מוז אַמעריקע אויף זיך אַליין נעמען די ענדגילטיקע לייזונג פֿון דעם ישׂראל־אַראַבישן פּראָבלעם און אָנוואַרפֿן איר אייגענעם דיקטאַט, וואָס וועט שפּעטער לאַנגזאַם אָדער זיכער פֿאַרטרייבן דעם רוסישן איינפֿלוס, אַלס אַ ביי־פּראָיעקט פֿון אַ גאַנץ אַנדערן הויפּט־ציל.

אין וואָס בשטייט די געפֿאַר פֿאַר ישׂראל אין שותּפֿותדיקן סאָוויעטיש־אַמעריקאַנער דיקטאַט אָדער בלויז אַמעריקאַנער?

ערשטנס, קאָן קיינער נישט שטערן רוסלאַנד צוריקצוציען איר מיליטער אין אַ קריטישן מאָמענט. די אונטערנעמונג איז געווען אַ בשותּפֿותדיקע, קאָן אויך אַמעריקע אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך יעדע אחריות און אויך צוריקציען איר מיליטער (אויב דאָס וועט זיין אין אירע אינטערעסן). אין אַזאַ פֿאַל — איבער נאַכט — וועלן באַוואָפֿנטע כוחות פֿון די שונאים שטיין אויף דעם פּערימעטער פֿון די לעבנסוויכטיקע צענטערן פֿון ישׂראל.

יאָ, עס וועלן נאָך בלייבן אונטערגעשריבענע גאַראַנטיעס. געווען אַ מאָל אַ דריי־מלוכות־גאַראַנטיע אונטערגעשריבן דורך ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און אַמעריקע אין 1950 — אַ ווערטלאָז פּאַפּיר. אַזוי איז אויך געווען די אַמעריקאַנער פֿאַרפּליכטונג נישט לאָזן אָפּשליסן דעם וואַסער־קאַנאַל פֿון טיראַן. ווען נאַסער האָט אָפּגעשלאָסן דעם וואַסער־קאַנאַל פֿון טיראַן און ישׂראל האָט געפֿאָדערט אַז אַמעריקע זאָל האָנאָרירן איר פֿאַרפּליכטונג דורכצוברעכן די פּאַפּירענע בלאָקאַדע, האָט אַמעריקע גאָר נישט געטאָן. דערצו זענען שוין אויך געווען אינטערנאַציאָנאַלע שלום־פּאַטראָלן. די אינטערנאַציאָנאַלע שלום־אָפּטיילונגען פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער זענען צוריקגעצויגן געוואָרן אין דעם קריטישן מאָמענט, דווקא דאָס האָט גורם געווען די מלחמה פֿון 1967.

אויב אַפֿילו אַמעריקע אַליין זאָל אויף זיך נעמען דאָס פּאַטראָלירן די גרענעצן — איז איין זאַך זיכער: זי וועט נישט קענען הערמעטיש אָפּזיגלען די גרענעצן קעגן דער אינפֿילטראַציע פֿון די טעראָריסטן, ספּעציעל ווען די טעראָר־גרענעצן וועלן זיין נישט בלויז אין צפֿון, נאָר פֿון אַלע זייטן, נאָענט צום האַרצן פֿון די יידישע ישובֿים. און ס׳איז ווייטער זיכער, אַז די אַמעריקאַנער אָנוועזנהייט אויף דער גרענעץ און אירע גאַראַנטיעס וועלן באַגרענעצן די ישׂראלדיקע כּוחות און דעם נאָכיאָגן די טעראָריסטן ביי דער גרענעץ און איבער דער גרענעץ צו די טעראָר־באַזעס.

דער טעראָר וועט זיך פֿאַרשטאַרקן און אונטערגראָבן די מאָראַל אין לאַנד.

אין אַ גענויער אַנאַליז פֿון ד״ר בזשעזשינסקיס אָפּהאַנדלונג מוז מען קומען צו איין אויספֿיר: דאָס איינציקע וואָס אינטערעסירט אים זענען אַמעריקאַנער מיליטערישע איינהייטן אין ישׂראל און דאָ איז די קאַץ אַרויסגעלאָזט געוואָרן פֿון זאַק.

דווקא אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט די צווייטע אָפּהאַנדלונג אין דעם זעלבן נומער פֿון „פֿאָרעין פּאָליסי״. דער מחבר איז פּראָפֿעסאָר ריטשאַרד אולמאַן פֿון פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. פּראָפֿעסאָר אולמאַן איז אויך פֿאָרשונגס־דירעקטאָר פֿון דעם ראַט פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און אַ רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרעין פּאָליסי״.

פּראָפֿעסאָר אולמאַן שלאָגט פֿאָר אַן אַמעריקאַנער אַליאַנס מיט ישׂראל — אַ מיליטערישן זיכערהייטס־פּאַקט מיט ישׂראל. ער לייגט פֿאָר אַז ישׂראל זאָל צוריקגעבן כמעט אַלע טעריטאָריעס צו די אַראַבער, איינשליסלעך אַ פּאַלעסטינער מדינה. די דאָזיקע טעריטאָריעס האַלט דאָך ישׂראל נאָר פֿאַר זיכערהייטס־צוועקן. מילא, וועט אַמעריקע צושטעלן די זיכערקייט אויף אַזאַ אופֿן, אַז די אַמעריקאַנער וועלן סטאַציאָנירן אויף דער לופֿט־באַזע דרום פֿון תּל־אָבֿיבֿ עטלעכע סקוואַדראָנען פֿון מיליטערישע עראָפּלאַנען און די אַמעריקאַנער קריגס־שיפֿן וועלן זיין סטאַציאָנירט אין איינעם פֿון די ישׂראל־פּאָרטן. אַמעריקע וועט אויך אָנגרייטן אין ישׂראל אַן אייגענעם לאַגער מיט געווער, טאַנקן, אַמוניציע און אַלערליי קריגס־מכשירים — אַזוי אַז אויב עס וועט אויסברעכן אַ מל־

דאָס פאַרמולירט — „דער אונטערגאַנג פון מערב״. דאַ־קעגן אַ טייל יידישע געלערנטע האָבן נישט אָנגענומען דעם פעסימיסטישן צוגאַנג און האָבן געהאַלטן, אַז גע־שיכטע און ציוויליזאַציע זענען נישט קיין ביאָלאָגישע אָרגאַניזמען און בכלל האָבן זיי אָפּגעוואָרפן די טעזע פון אונטערגאַנג, אָננעמענדיק אַז געשיכטע אָדער אַ תקופה זענען אַ סובסטאַנץ און דורך דער פּריזמע פון אַ סוב־סטאַנץ דאַרף מען מאַכן געוויסע אַנאַליזן און טיילווייזע פעסטשטעלונגען.

צי קען מען אין דער היינטיקער „תרצח״־צייט מאַכן געוויסע מוסר־השכלס אָדער מסקנות פון די אויבן דער־מאָנטע פילאָזאָפישע אויספירונגען? צי איז נישט אַמאָל נענטער דער פילאָזאָפישער געדאַנק, „אַז יעדע געשעע־ניש אין דער געשיכטע וואַקסט אומפאַרמיידלעך אַרויס פון אַן אַנדער געשעעניש״? צי איז נישט אַ מאָל די איצ־טיקע בלוט, האַס און מאָרד עפּאָכע אַ פועל יוצא פון דער נישט לאַנג פאַרגאַנגענער (בלויז העכער 30 יאָר) קאַלט־בלוטיקער מאָרד־געשעעניש איבער זעקס מיליאָן יידישע נפשות, דערונטער אַ מיליאָן יידישע קינדער, ווען די וועלט פון „קולטור, ציוויליזאַציע און פּראָגרעס״ האָט זיך צוגעקוקט גלייכגילטיק?

ווי נישט מאָדערן און אפשר נישט מענטשלעך עס איז די אַלטע טעאָריע פון „על דאטף אטפוך״ — מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז די היינטיקע געשעענישן אין דער גאָרער וועלט, יידישע ווי אַלגעמיינע, האָבן אַ פאַרבינ־דונג מיט דעם, אַז דער הערשנדער כוח ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און אַז די אַלע „לאס״ (ניינס) פון די „עשרת הדברות״ ווערן אַלץ שוואַכער און ווערטלאָזער...

דאָס ליד „איך און די וועלט״ פאַרענדיקט דער דיכטער אברהם רייזען מיט זיינע נביאישע ווערטער:

„אָבער אַז מירביידע ליידן<br>
סיי די וועלט, סיי איך אַליין —<br>
האָט די וועלט נישט וואו צו קומען<br>
און איך האָב נישט וואו צו גייך״.

יאָ! ווען עס „הוליען בייזע ווינטן״ האָט די „וועלט״ נישט וואו צו קומען און דער „איד״ האָט נישט וואו צו גיין...

ד״ר מ. פערשטענדיק

# אין דער קיך פון אַמעריקעס פּאָליטיק

אין דער צייטשריפט „פאָרעין פּאָליסי״ נומער 19 זענען דערשינען צוויי לענגערע אָפּהאַנדלונגען, וואָס זע־נען נוגע דעם ענין שלום אינעם מיטעלן מזרח.

די דערמאָנטע צייטשריפט איז נישט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג. וויסנשאַפטלער־פאָרשער אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען אונטערזוכן און שאַצן אָפּ די אַנטוויקלונגען אין דער וועלט אין ליכט פון די געאָ־פּאָליטישע אינטערעסן פון אַמעריקע און זייערע אויספי־רונגען ווערן ערנסט שטודירט אינעם סטייט־דעפּאַרטאַ־מענט, אין פּראָצעס פון פאָרמולירן די אַמעריקאַנער פּאָ־ליטיק.

די אַקטועלע ערנסטקייט פון דער ערשטער אָפּהאַנד־לונג ליגט אין דעם, וואָס איר קאָ־מחבר איז ד״ר זביגניעוו בזשעזשינסקי, דער וווּנטועלער „קיסינדזשער״ פון דער צוקונפטיקער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַ־ציע. היות די אָפּהאַנדלונג איז דערשינען איידער דזשים קאַרטער האָט זיך באַוויזן אויף דער וואַל־אַרענע, איז צו דרינגען, אַז זיינע אויספירונגען האָבן נישט קיין שייכות מיט די וואַלן און זענען אומאָפּהענגיק פון דעם וואַל־אויס־גאַנג.

דער תמצית פון ד״ר בזשעזשינסקיס אויספירונגען איז — אַן ארויפגעצוואונגענע לייזונג פון דעם ישראל־אַראַבער פּראָבלעם — אין די ראַמען פון דער רעזאָלוציע 242 פון זיכערהייטס־ראַט אָבער מיט דעם צוגאָב פון אַ פּ.ל.אָ. מדינה.

די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע דאַרפן עפנט־לעך דערקלערן, אַז די דערגרייכונג פון אַזאַ לייזונג איז די גרונדלאַגע פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

אָפּגעזען פון דעם פאַקט, אַז דאָס איז אין תוך אַ דיקטאַט — פּראָפּאָנירט בזשעזשינסקי צו רעאַליזירן זיין פּלאַן דורך אַ שותפות מיט סאָוויעט־רוסלאַנד... ער גלויבט, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַזע פאַר אַ פאַרשטענדיקונג מיט רוס־לאַנד, אַז ביידע סופּערמאַכטן זאָלן עפנטלעך דערקלערן די גרייטקייט צוצושטעלן אַ געמיינזאַמע גאַראַנטיע פאַר די גרענעצן פון 1967. די דאָזיקע גאַראַנטיעס וועלן געשטיצט ווערן דורך אינטערנאַציאָנאַלע מיליטערישע איינהייטן וואָס וועלן איינשליסן אַמעריקאַנער און רוסיש מיליטער. זיי וועלן פּאַטראָלירן די גרענעצן...

אינטערעסאַנט איז די לאָגישע אַרגומענטאַציע פון ד״ר בזשעזשינסקי: ער רעכנט אַז רוסלאַנד וועט איינגיין אויף אַזאַ שותפותדיקן דיקטאַט אין איר אייגענעם אינטע־רעס. דער צושטאַנד פון נישט שלום און נישט מלחמה האָט מעגלעך געמאַכט די סאָוויעטישע אַריינדרינגונג אין מיטעלן מזרח, אָבער איצט באַשטייט אַ געפאַר פון אַ נייער מלחמה צווישן סיריע און ישראל. סאָוויעט־רוסלאַנד מוז זיך רעכענען מיט אַ סירישער מפלה און דאָס מיינט רי־זיקירן אַלע סאָוויעטישע אינטערעסן אינעם מיטעלן מזרח.

שטעלט זיך אַ פראַגע: אויב בזשעזשינסקי איז איבער־ציוגט, אַז די רוסן ווייסן אַז אַ נייע סיריש־ישראלדיקע מל־חמה וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ סירישער מפלה און דאָס

# „איך און די וועלט“

י. אַרבאַך

(רעמיניסענצן אויף אַקטועלע טעמעס)

דאָס קעפּל פון דעם דאָזיקן אַרטיקל איז אין גענזנפיסלעך, ווייל דאָס איז אַ קעפּל פון אַ ליד אויסגעזונגען פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־דיכטער אברהם רייזען, וועלכן די יידישע פרייע וועלט — אויסטראַלישער ישוב דערינען — האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געפייערט זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג. איך וויל, חס־ושלום, נישט צואייגענען דאָס קעפּל פון דעם דאָזיקן ליד. וואָס איך וויל יאָ, אונטער דעם דאָזיקן קעפּל „איך און די וועלט“ אַוועקשטעלן געוויסע קשיות צו די „איכס“ — אינדיווידועל און מערצאָל — צו דער „וועלט“ — יידישער און נישט־יידישער — אינעם ליכט פון דעם סוף פון היינטיקן יאָרהונדערט, מיט די אַלע פּראָבלעמען, וועלכע באַאומרואיקן די מענטשהייט בכלל און דאָס יידישע פאָלק בפרט.

די פראַגעס מיינע זענען וועגן פּאַראַדאָקסן אין דער עפּאָכע פון — יאָגנדיקע אויטאָס; שטאָקיקע אייזקאַסטנס און וואַש־מאַשינען; קינסטלעכע שטאָפן; ראָבאָטן און קאָסמאָס־שיפן; די בעסטע שפייזן און וויטאַמינען פאַר הינט און קעץ; ניי געבאַקענער „ראַסיזם“ פון ציוניזם און אויפגעפרישטער קאָמוניסטישער אַנטיסעמיטיזם.

דאָס זענען די פראַגעס מיינע:

1) צי איז פאַראַנען אין דער היינטיקער תהומישער צייט דער באַדייט פון פאָלקס־גייסט, יוגנט־גייסט, יושר און אמת גייסט?

2) צי איז נאָך פאַראַן אין אונדזער היינטיקער תקופה דער באַגריף פון גערעכטיקייט און אוניווערסאַליזם?

3) צי איז נאָך פאַראַנען היינט צו טאָג די חשיבות פון מאָראַל און עטיק, אידייע און וויזיע?

4) איז נאָך פאַראַנען אין דער „פּערמיסיוו“ און אין דער „דיאַלעקטיק“ געזעלשאַפט דער רעספּעקט פאַר דער פאַמיליע; דער רעספּעקט פאַר דעם מענטשלעכן לעבן און צי איז נאָך פאַראַן דער רעספּעקט פאַר די עטישע ווערטן פון מענטשן בכלל?

איך וואָלט געקאָנט פרעגן און זיצן ווי יענער תנא פון דער הגדה „עד שתגיע זמן של שחרית“, און דאַן וואַרשיינלעך קומען צום אויספיר, אַז די תירוצים פון די ווייסע, געלע און שוואַרצע „חכמים ונבונים“, זענען לרוב פּערפידישע, אויסגעלאַסענע און מענטש־פיינטלעכע און זייערע אַלע „לאָזונגען“ און „לייזונגען“ זענען מער נישט ווי אַן עקלהאַפטער ים מיט די ערגסטע ניבול־פּה, וואָס קען און וויל פאַרגיסן נישט בלויז דאָס יידישע פאָלק, נאָר אויך די גאַנצע פרייע דעמאָקראַטישע וועלט מיט אַלע אירע מענטשלעכע און אוניווערסאַלע דערגרייכונגען.

אין דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, ווען די וועלט איז נאָך נישט געווען „אַפלוענט“, „פּערמיסיוו“ און „פּראָגרעסיוו“ — האָבן פאַרשידענע פילאָזאָפן און וויסנשאַפטלער — יידישע און נישט־יידישע — געזוכט תירוצים אויף ענלעכע „קשיות ועיביות“ פון אַלגעמיין וועלטלעכן און אויך ספּעציפיש יידישער פּראָבלעמאַטיק. די נישט־יידישע דענקער און געלערנטע זענען דערגאַנגען צום עקסטרעמסטן פּעסימיזם. זיי האָבן פאַרגליכן אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע צו אַ ביאָלאָגישן אָרגאַניזם און דער אויספיר איז געווען „וואוקס, רייפקייט און אונטערגאַנג“. אַ טייל פון די דאָזיקע געלערנטע האָבן

---

אַז עס זענען געווען פיל ערגערע צייטן. און דערפאַר ווייל מיר האָבן אויסגעהאַלטן האָבן מיר גענוג מיטלען צו לערנען די וועלט און אויך אונדזער יוגנט דעם באַדייט פון האָפענונג און איבערגעבנקייט צו אונדזערע צילן, צו שעפערישן אויסדויער. אונדזער לאָזונג און שליחות איז פאַר אונדז קלאָר. דער מאָרגן קען זיין אַ בעסערער, אויב מיר וועלן היינט טאָן אין דער ריכטונג, אויב מיר וועלן היינט וועגן דעם זאָרגן.

אונדזער ישוב שטייט פנים אל פנים מיט אַ סך ענדערונגען און אויפגאַבן. דער „וויקטאָריער באָרד אָף דעפּיוטיס“ נעמט אויף די ענדערונגען און אויפגאַבן ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע.

דאָך זענען פאַראַן געוויסע געביטן אויף וועלכע מיר מוזן ספּעציעל אַכט לייגן. מיר מוזן געפינען נייע מיטלען, נייע וועגן ווי אַזוי צוצוקומען צו דער גרויסער צאָל געבילדעטע פרויען און מענער, אַז זיי זאָלן זיך אַנגאַזשירן און ווערן אַקטיוו אין אונדזער ישוב, כדי איבערצונעמען די אָנפירנדיקע פּאָזיציעס.

אונדזער וויכטיקסטער ציל איז צו קאָאָרדינירן די אַקטיוויטעטן פון אונדזער ישוב; צו וואַכן איבער זיין וואוילשטאַנד און צו זיין בכוח צו האַנדלען אין נאָמען פון דעם ישוב ווען נאָר דאָס איז נויטיק.

עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז מיר זענען אַ טייל פון גאַנצן יידנטום פון אונדזער צייט און מיר טיילן מיט זיי די האָפענונגען און חלומות און האָפענונגען אויף אַ צוקונפט ווען שלום וועט הערשן אין ירושלים און איבער דער וועלט, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן רואיק און זיכער אויף זייער לאַנד. צו פאַרווירקלעכן דעם חלום מוזן מיר טאָן אַלץ וואָס אין אונדזערע מעגלעכקייטן. דאָס מוז זיין דער תמצית פון אונדזער פאַרפליכטונג און זאָל דאָס געבענטשט זיין מיט —

מחיל אל חיל — פון שטאַרקייט צו שטאַרקייט. זאָל דאָס קומענדיקע יאָר ברענגען געזונט און גליק צו אַלע יידן פון אונדזער ישוב. לשנה טובה.

ראָנאַלד אַבעל

צו דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון אונדזער צייט דאַרף פאַרצייכנטע ווערן נאָך אַ פאַקט:

צו די צאַרישע שוואַרצע מאהניקעס האָבן קיין יידן נישט געהערט, דאַקעגן היינט קאָן מען געפינען יידן (צום מאָראַלישן קרעדיט פון יידישן פאָלק — ווייניק יידן) וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון פאָלקישן שורש און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען אין ים פון שונא. זיי טוען עס דורך אידענטיפיצירן זיך מיט די אידייען און שטרעבונגען פון די שוואַרצע־מאה, וואָס רופן זיך היינט — פּ.ל.אָ.

* * *

ענטעבע איז נישט דער איינציקער באַווייז פון ישראלס הילפס־גרייטקייט לגבי אַנדערע מענטשן. צוקוקנדיק זיך צו די בלוטיקע קאַמפן אין לבנון, און דעם חורבן וועלכן זיי האָבן אָנגעמאַכט אין דער „שווייץ פון אָריענט" — קאַמפן וואָס האָבן געקאָסט דאָס לעבן פון 40,000 מענטשן און זענען אַרויסגערופן געוואָרן הויפּטזעכלעך דורך דער אָנוועזנהייט פון באַוואָפנטע פּאַלעסטינער איינהייטן (אַ מלוכה אין אַ מלוכה) — האָט ישראל, ווי אַן אַקט פון מענטשלעכקייט, געעפנט מעדיצינישע פונקטן ביי דער צפון־גרענעץ מיט לבנון. אין די צוויי פונקטן האָבן שוין איבער פיר טויזנט מענטשן באַקומען מעדיצינישע הילף און רפואות אין גאַנצן אומזיסט. לבנונעזער קומען קיין ישראל אַרבעטן און איינקויפן. ישראל באַמיט זיך צו העלפן די פשוטע פאָלקס־מענטשן וועלכע באַוואוינען די גרענעץ־געביטן.

ענטעבע און איסטאַמבול דאָס זענען די פענער וועלכע רעפּרעזענטירן צוויי לאַגערן אין וועלכע די וועלט איז איינגעטיילט. איין טייל וויל שלום, רו און וואוילשטאַנד פאַר די פעלקער אין דער וועלט. דער צווייטער לאַגער איז נאָר פאַראינטערעסירט אין כאַאָס, זייען שרעק און אומצוטרוי, מורא פאַרן מאָרגן, תמיד פאָכן פאַר די אויגן פון מיטמענטש מיטן נאַגאַן — זייער סימבאָל פון מאַכט, דער סימבאָל און פּרעסטיזש פון פּחדנים.

מיט צופרידנקייט דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז מיר יידן זענען תמיד געווען אַ שלום־ליבנדיק פאָלק, אַ פאָלק גענייגט צו קאָאָפּערירן, צו מיטאַרבעט מיט שכנים פאַר פריינדלעכע צוועקן, מיטצובאַטייליקן זיך ביים שאַפן נוציקע ווערטן פאַרן לאַנד וואו יידן לעבן.

אַזוי איז אויך מדינת־ישראל, דאָס לאַנד וואָס רעספּעקטירט מענטשלעכע מאָראַל און עטיק און דעמאָנסטרירט ביי יעדער געלעגנהייט אירע פרידלעכע כוונות.

מ. א.

ראש־השנה 5737

# פּראָבלעמען פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט

מחיל אל חיל — פון שטאַרקייט צו שטאַרקייט — דאָס איז אַן אוראַלטע ברכה, אַ וואונטש פון שלום און גליק. אין דער היינטיקער צייט אין וועלכער מיר לעבן נויטיקן מיר זיך אין אַזאַ ברכה. אַלטע אידעאַלן פרעגט מען אָפּ און מען וואַרפט זיי אָפּ; קיין נייע קען מען נישט דערפינדן. טרוימען און חלומות זענען פאַרבלאַסט געוואָרן. ציניזם, טעראָריזם און גוואַלד הערשן אַרום אונדז.

מיר טאָרן אָבער נישט דערלאָזן, אַז שרעק און פּחד זאָלן אונדז באַהערשן און וואו נאָר ס'איז מעגלעך מוזן מיר איבערנעמען די איניציאַטיוו, נישט געקוקט אויף שוועריקייטן מיט וועלכע דאָס איז פאַרבונדן.

אין אַלע צייטן פון אונדזער געשיכטע האָט דאָס יידישע פאָלק געפונען דעם כוח מיט וועלכן צו שטעלן זיך פּנים אל פּנים מיט שווערע פּראָבלעמען פון דעם געגעבענעם מאָמענט. מיר האָבן שטענדיק געפונען דעם קוואַל פון מוט וואָס האָט אונדז געהאָלפן אויסצוהאַלטן. אין דעם מדבר פון יאָרהונדערטער איז שטענדיק געווען אַ סנה, וואָס האָט ווי אַ פאַקל באַלויכטן אונדזער וועג. אונדזער לעבן איז שטענדיק געווען באַרייכערט מיט די גרויסע אמתן פון די נביאים.

מיר האָבן שטענדיק פאַרהערלעכט די נאָבעלע טרוימען וועגן אַ גערעכטער וועלט פון ברידערלעכקייט און שלום.

און ווייל מיר גלויבן אין די גרויסע אידעאַלן און עטישע ווערטן, וועלכע מיר זענען אויסגעקליבן געוואָרן צו ברענגען צו דער וועלט; און די לעקציע פון אונדזער געשיכטע, וועלכע אויך די וועלט קען לערנען, זוכן מיר מיטלען און וועגן ווי אַזוי איינצוהאַלטן און צו שטאַרקן אונדזער יידישע אידענטיטעט.

יידן האָבן קיין מאָל נישט אונטערגעשטראָכן זייער אויסדערוויילטקייט סתם אַזוי. זיי האָבן דאָס געטאָן, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז נאָר אַלס יידן קענען זיי אין דער פולער מאָס צושטייער געבן צו די ווערטן פון אַ בעסערער און יושרדיקער וועלט פאַר אַלע מענטשן.

איז אפשר צוליב די אַלע סיבות לייגן מיר אַזוי פיל אַכט אויף צו געבן אונדזערע קינדער אַ יידישע דערציאונג, אַריינגעבנדיק אין זיי דעם וויסן און ליבע צו יידישקייט, יידישע קולטור און יידישע געשיכטע. מיר ווילן אַז אונדזערע קינדער זאָלן לערנען אָנטייל צו נעמען אין דעם קאַמף פאַר דער אויסלייזונג פון אונדזער פאָלק, און פאַר אַלעם פאַר ווידער אויפבויען און שטאַרקן ישראל.

די צייט אין וועלכער מיר לעבן איז נישט קיין גוטע צייט. ווייסן מיר אָבער, אפשר מער ווי אַנדערע פעלקער,

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

סעפּטעמבער 1976 | נומער 4 (5) | מעלבורן, אויסטראַליע


# ענטעבע און איסטאַמבול

די נעמען פון די צוויי שטעט: איינע — אין ווייטן אַפריקאַנער לאַנד אוגאַנדאַ; די צווייטע — אַ גוט־באַקאַנטער נאָמען — איסטאַמבול, אין טערקיי, זענען איבער נאַכט, פון געאָגראַפישע פונקטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע סימבאָלן.

לויט די דאָזיקע דערקען־צייכנס קאָן מען — און מען דאַרף — משפּטן אונדזער צייט.

פאַר די אויגן פון דער וועלט האָבן זיך אָפּגעשפּילט, אין כמעט דער זעלבער צייט, צוויי דראַמאַטישע געשעענישן.

איינע — אַ געוואַגטע, אַ מסירת־נפשדיקע, הומאַניטאַרע — ווען אַ גרופּע ישראלים האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס כּדי צו ראַטעווען איבער הונדערט נפשות פון זיכערן טויט. דאָס זענען געווען אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צופעליק געפונען אין אַן עראָפּלאַן, וועלכן עס האָבן פאַרכאַפּט די לופט־פּיראַטן (זיי פאַרלאַנגען מ׳זאָל זיי רופן נישט אַנדערש ווי פרייהייט־קעמפער). מיט די לופט־פּיראַטן האָט קאָאָפּערירט די רעגירונג פון אוגאַנדאַ, רעפּרעזענטירט דורך איר פירער אידי אַמין. זייער ציל, ווי דער ציל פון אַלע אַראַבישע עראָפּלאַנען־פאַרכאַפּערס, איז געווען: באַפרייען פון פאַרשידענע תּפיסות מערדער, כּדי זיי זאָלן ווייטער קאָנען פאָרזעצן זייערע מערדערייען אין נאָמען פון צווייפלהאַפטע אידעאַלן.

צום באַדויערן, איז די גלייכגילטיקייט, נאַכלעסיקייט און קאַפּיטולאַנטישקייט פון די מערב־אייראָפּעאישע רעגירונגען אַ דערמוטיקונג פאַר אַקטן פון זינלאָזן טעראָר און לופט־פּיראַטיזם.

די אַקציע פון די מוטיקע יידן האָט באַוויזן, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן טעראָריזירן פון מאַניאַקעס בלויז דערפאַר ווייל עמיצער האָט זיי באַוואָפנט מיט גראַנאַטן און מאַשין־געווער; מען טאָר זיך אויך נישט לאָזן פּסיכאָלאָגיש טעראָריזירן דורך אויפגעבן דעם ווילן צו אַנטקעגנשטעלן זיך דעם טעראָר און אָנערקענען דעם פאַקט פון זיין עקזיסטענץ ווי אַן אויסדרוק פון פּאָליטישן קאַמף.

די ענטעבע־אַקציע, אָדער ווי מען באַצייכנט זי אין ישראל, מבצע יהונתן, וועט אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ באַווייז צום קרעדיט פון אונדזער צייט. זי שטעלט צוריק דעם גלויבן אין מענטש, אין זיין עטיק, מאָראַל. זי שטעלט צוריק דעם גלויבן אין ווערטן וועלכע אַנדערע — ווי די פאַראייניקטע פעלקער — האָבן שוין לאַנג אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט.

די צווייטע געשעעניש: אַ זינלאָזע בלוט־באָד אין וואַרטע־זאַל פון איסטאַמבולער פלי־פעלד. עטלעכע גוט־באַוואָפנטע פּאַלעסטינער האָבן געעפנט אַ פייער אויף פרידלעכע, שוצלאָזע מענטשן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געגרייט אָפּצופליען מיט אַ ישראלדיקן עראָפּלאַן. צופעליק האָבן עס געקאָנט זיין יידן ווי נישט־יידן.

וואָלט מען געקענט פאַרגלייכן אונדזער ערד צו דער לבנה, וועלכע האָט אַ ליכטיקע זייט און אַ פינצטערע, איז דער פאַל איסטאַמבול די שוואַרצע, פינצטערע זייט אונדזערע.

צום שאַנד פון דער מענטשהייט ווערן אָט די הפקרדיקע מאָרד־טאַטן באַצייכנט אין פאַרשידענע לענדער אין מזרח־אייראָפּע ווי העלדישקייטן פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, און די מערדער — ווי פרייהייט־קעמפער. דאָס באַרעכטיקט שוין במילא זייער באַוואָפענונג (מעגלעך אויך — זייער אויסשולונג) און צוזאַמען מיט דעם די דערמונטערונג און גלאָריפיקאַציע פון מאָרד נישט נאָר אין די אָפּגעשטאַנענע מוזולמענישע לענדער, נאָר אין די „פּראָגרעסיווע" קאָמוניסטישע לענדער.

און ווי קאָן עס זיין אַנדערש: דאָס דאַרף דאָך שוין אין איין וועגס באַרעכטיקן די מיטלאַלטערלעכע שיטה פון די קרייץ־ציגלער — „מיט פייער און שווערד" וועלכע די סאָוויעטן האָבן אַזוי פּינקטלעך נאָכגעפאָלגט אין אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע. זיי וואָלטן עס גערן געמאַכט אויך אין ישראל, אין אָקטאָבער 1973, ווען אַמעריקע וואָלט באַצייטנס נישט אָנגענומען די געהעריקע מיטלען...

אויב די שיטה „מיט פייער און שווערד" האָט פאַר אַ ציל די העגעמאָניע איבער דער וועלט, באַנוצט מען צו דער יידן־פראַגע די אַלטע אידייען און שטרעבונגען וועלכע האָבן געווירקט אין די צאַרישע צייטן און באַקומען זייער אויסדרוק אין די „טשאָרנע סאָטניעס" (שוואַרצע מאות). — איז דאָך רוסלאַנד געווען די ערשטע צו באַשולדיקן ישראל, אַז די ענטעבע־אַקציע איז אַ ברוך פון דער סוווערעניטעט פון אַן אומאָפּהענגיקער מדינה...

# United Carpet Mills

## ערשטקלאַסיקע קאַרפּעטס

פאַר דער היים

און האַנדלס־אונטערנעמונגען

5 AUSTRAL AVENUE, PRESTON, VICTORIA

Telephone: 480-1333

---

*With the Compliments of . . .*

# DEL - MONTI SUITS

MAKERS OF FINE QUALITY MEN'S SUITS
SUITS DIRECT FROM WORKROOM TO YOU

* * *

**154-156 HIGH STREET, PRESTON, VIC. 3072**
**Telephone: 44-0567**

**200 WHITEHORSE ROAD, BLACKBURN, VIC. 3130**
**Telephone: 877-3316**

**1st FLOOR, 8-10 McRAE STREET, DANDENONG**

**Telephone: 791-4435**



**Printed by E. H. Gibbs & Sons, 19 Niagara Lane, Melbourne, for the publisher S. Goldstein, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia**

# מעלבורנער בלעטער

## ראש השנה תשל״ז

### אינהאלט


מ. א. — ענטעבע און איסטאמבול . . . . . . . . . . . 1
ראנאלד אבעל — פראבלעמען פון ערשטראנגיקער וויכטיקייט . . . . 2
י. ארבאך — „איך און די וועלט" . . . . . . . . . . . 3
ד״ר מ. סערשטענדיק — אין דער קיך פון אמעריקעס פאליטיק . . . . . . 4
י. א. — זייט באגריסט ד״ר עזריאל נאקס . . . . . . . . 7
ד״ר עזריאל נאקס — ליטעראַרישע נאטיצן . . . . . . . . . . 7
יצחק קאהאן — אומרו, בלאנדזשענישן, קאנוואולסיעס אין צייטן פון קריזיס (ערב ראש השנה געדאנקען) . . . . . 9
י. מ. לעווין — דער גאנג; לידער צום ביינאכטיקן אויפגאנג . . . . . 13
סענדער בורשטין — די ערשטע יידישע וואכנצייטונג דער „אויסטראַלער לעבן" . . . . . . . . . . . . . . 14
י. א. — דער עקאנאמישער קריזיס — 1976 . . . . . . . . 16
ח. באכראך — מעלבורנער נאטיצן . . . . . . . . . . . 17
מ. אייזענבוד — אין לאבירינט פון געפילן (דערציילונג) . . . . . . . 21
פארשלאגן און רעקאמענדאציעס פון דער קאנפערענץ פאר יידישער קולטור אין ירושלים . . . . . 28
דעקלאראציע פון דער קאנפערענץ פאר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים . . . . . . . . 29



ארויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נומער 4 (5) — סעפטעמבער 1976